STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06092

BER BOROKHOV IN DER HAYM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער באראכאוו אין דער היים

די ערדישע רעשטן
פון בער באָראָכאָוו
זענען געבראַכט געוואָרן
קיין ישראל

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל

הועד הפועל

תל־אביב, ניסן תשכ״ה
(מאי 1965)

נדפס בדפוס קואופרטיבי „אחדות״ בע״מ, תל־אביב

אינעם העפט

פון קיעוו קיין כנרת

פון דער פרעמד אינעם פאַטערלאַנד 7
זיצונג פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט 10
דער אַרון קומט אָן 18
מאַסן גייען פאַרביי פאַרן אַרון 21

די אזכרה פארן ועד הפועל

דוד בן־גוריון 28
אהרן בעקער 23
דער לוויה־צוג 39

רעדעס אויפן בית־עלמין אין כנרת

יצחק טאַבענקין 42
יעקב עמית 49
זלמן שזר 56
צו אייביקער רו 65
פּאַלטאַווע—קיעוו—כנרת / י. זרובבל 68

פון זיין לעבן און זיינע ווערק

די ביאָגראַפיע פון בער באָראָכאָוו 83
פון זיינע ווערק 88

די מיטגלידער פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אַראָפּצוברענגען די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָראָכאָוו ז״ל

ד. בן־גוריון
א. אבן
ז. אַבראַמאָוויטש
ז. און
ב. אידלסאָן
מ. איש־שלום
י. אַפּלבוים
פּ. אַרגוב
י. ארזי
ז. ארן
ל. אשכול
ש. בן־צבי
א. בעקער
י. בר־יהודה
ר. ברקת
פּ. גאָלדמאַן (פּ. שטאַטן)
י. גלילי
יחיאל גרין (קאַנאַדע)
א. האַרצפעלד
ג. הרפז
ח. וואַרזאַגער (אורוגוואַי)
הלל זיידל
הערמאַן זיידל (פּ. שטאַטן)
מ. זינגער
י. זרובבל

מ. חדש
א. חושי
י. חזן
י. טאַבענקין
ל. טאַרנאָפּאָלער
מ. יערי
מ. יאַרבלום
י. ישעיהו
ק. לוז
ב. לאָקער
מלכה לאָקער
צ. לוריא
ד. לייבל
ב. לין
י. לעשטשינסקי
קלאַרא לעוו (פּ. שטאַטן)
גאָלדע מאיר
ר. מאהלער
י. מרום
יצחק מאור
נ. ניר־ראַפּאַלקעס
מ. נמיר
י. נתני (ענגלאַנד)
ש. נצר
מ. סורקיס

ישראל סטאָלאַרסקי (פּ. שטאַטן)
מ. ערעם
ח. פינקעלשטיין (אַרגענטינע)
צבי פיינגערש (אַרגענטינע)
ב. צוקערמאַן
א. ציזלינג
מ. קול
פנחס קרוזאַ (פּ. שטאַטן)
ד״ר י. קרוק
י. קושניר
אריה קראַניש (קאַנאַדע)
א. רייס
ח. שורר
זלמן שזר
רחל שזר
ב. שחר
ד״ר ש. שטיין (פּ. שטאַטן)
פנחס שטיינוואקס (פּ. שטאַטן)
ע. שידלאָווסקי
י. שמחוני
ל. שמעוני
פנחס שניאורסאָן
אברהם שענקער
ז. שפר
מ. שרת

מיט די פראַגן פון שטעלן די מצבה אויפן קבר פון בער באָראָכאָוו האָט זיך באַשעפטיקט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, געוויילט דורך דער ועדה המרכזת פון דער הסתדרות. אָט זענען די נעמען פון אירע מיטגלידער: שושנה באָראָכאָוו; דוד באָראָכאָוו; יעקב זרובבל; מרדכי חדש; דער סקולפּטאָר משה ציפּער; אנשל רייס, פּ. שניאור־סאָן; דער אַרכיטעקט אריה שרון; ישעיהו אברך (דער פאָרזיצער).

פון קיעוו
קיין כנרת

דער לוויה־צוג

פון

בער באראכאוו

וועט אַרויס היינט, 8.30 אין דער פרי, פונעם הויז פון ועד הפועל פון דער הסתדרות צום בית־עולם אין כנרת.

אויפן פּלאַץ פאַרן ועד הפועל, איידער דער צוג וועט רירן, וועלן רעדן:

דער פרעמיער־מיניסטער
דוד בן־גוריון

דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות
אהרן בעקער

דער צוג וועט זיך ציען דורכן כביש נתניה, צומת חדרה, ואדי ערה, וועט זיך פאַרהאַלטן ביים קבוץ מרחביה און ביים קבוץ עין־חרוד און וועט ממשיך זיין דעם וועג קיין כנרת.

11.30 פאַרמיטיק וועט דער ארון אויסגעשטעלט ווערן אין „אהלו״.

אויפן פלאַץ פאַרן „אהלו״ וועלן מספיד זיין:

יצחק טאַבענקין, יעקב עמית, זלמן שזר

1 אַזייגער נאָכמיטיק וועט פאָרקומען די קבורה־צערעמאָניע אויפן בית־עולם פון דער קבוצה כנרת.

זלמן שזר
פאָרזיצער פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
אַראָפּצובריינגען די שטערבלעכע רעשן פון
בער באָראָכאָוו

די מעלדונג, וואָס איז דערשינען אין די צייטונגען ז׳ ניסן תשכ״ג (3.4.1963)

פון דער פרעמד - אויף דער ערד פונעם פאטערלאנד

דעם 3־טן אַפּריל 1963, קנאַפּע 46 יאָר נאָך זיין טויט, איז דער גרויסער לערער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, בער באָראָכאָוו, געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אין דעם באָדן פון ישראל. זיינע שטערבלעכע רעשטן, וואָס האָבן פון דעצעמבער 1917 געפונען זייער אָרט אויפן יידישן בית־עולם אין קיעוו, זענען מיט גרויס כבוד געבראַכט געוואָרן אין לאַנד אַריין און האָבן געפונען זייער אייביקע רו — נאָך אַ גיגאַנטישער, איינדרוקפולער לוויה — נעבן די קברים פון נ. סירקין, א. ד. גאָרדאָן און בערל קאַצענעלסאָן — אויפן בית־עולם פון דער קבוצה כנרת.

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אייניקע חדשים פריער, ווען זיין משפחה אין לאַנד — די אַלמנה ליובא, די טאָכטער שושנה און דער זון דוד — איז געוואָר־געוואָרן וועגן דעם באַשלוס פון דער קיעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו ליקווידירן דעם אַלטן יידישן בית־עולם אין דער דאָזיקער שטאָט — אויפן פּלאַץ פון וועלכן ס׳איז באַשטימט געוואָרן אויפצובויען אַ וווין־קוואַרטאַל — און אַריבערצופירן די עצמות וואָס געפינען זיך דאָרט, אויף אַ נייעם בית־הקברות.

צווישן אַנדערע איז דאַן אָנגעקומען אַ בריוו פון אַ קיעווער ייד צו זיינעם אַ קרוב אין ישראל, ווו ס׳ווערט געשריבן:

„אַ גרויס וווּנדער איז דאָס, וואָס קיינער דערמאָנט זיך נישט וועגן די רעשטן פון באָראָכאָוויטש (געמיינט — בער באָראָכאָוו), וועלכער האָט ביי אייך אין לאַנד אַזוי־פיל קרובים. כ׳האָב אייך אַמאָל וועגן דעם געשריבן פון מאָסקווע. ס׳זענען דאָך (דאָ קומען

צוויי נעמען, וואָס זענען מרמז אויף בן־גוריון און דעם פאַרשטאָר־בענעם בן־צבי) זיינע קוזינען און דוכט זיך אַפילו — זיינע תלמידים. פאַרוואָס קומט נישט קיינער פון זיי אַהער כדי אַריבערצופירן די עצמות פונעם פאַרשטאָרבענעם אויף אַ נייעם בית־עלמין? לויט דער בקשה פון קרובים קאָן אַזאַ זאַך דורכגעפירט ווערן".

די אָנדייטונג, גראָד ווי ידיעות פון אַנדערע מקורות, זענען גע־פאַלן אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן. סוף פעברואַר 1963 האָט דער מדינה־פּרעזידענט יצחק בן־צבי ז"ל, וועלכער איז געווען דער נאָענטסטער חבר פונעם פאַרשטאָרבענעם, געשיקט אַ בריוו צום פאָרזיצער פון אויבערשטן ראַט פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, ל. י. ברעזשניעוו, מיט אַ בקשה דער פאָרזיצער פונעם פרעזידיום פון ראַטן־פאַרבאַנד זאָל זיך באַנוצן מיט זיינע הויכע קאָמפּעטענצן כדי צו העלפן דערפילן די בקשה פון באָראָכאָווס פאַמיליע אין ישראל און דערלויבן אַריבערצופירן די שטערב־לעכע רעשטן פון באָראָכאָוו אין לאַנד אַריין.

אייניקע וואָכן שפּעטער, אָנהייב מערץ, האָט דער אַמבאַסאַדאָר פון ראַטן־פאַרבאַנד אין ישראל, מ. באָדראָוו, באַזוכט דעם מדינה־פרעזידענט און אים איבערגעגעבן, אַז די בקשה איז פּאָזיטיוו דערליידיקט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט איז די פאָזיטיווע תשובה איבערגעגעבן געוואָרן אויך דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, י. תקוע.

גלייך ווי ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן די הסכמה פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, איז אין לאַנד געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמי־טעט* אויף אַריבערצופירן די שטערבלעכע רעשטן פון באָראָכאָוון. דער קאָמיטעט האָט גענומען אויף זיך צו אָרגאַניזירן די גאַנצע קאַמ־פּאַניע. ער איז באַשטאַנען פון רעגירונג־פאָרשטייער, פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, דער הסתדרות און די אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאַנד און אין שפּיץ פון קאָמיטעט איז אויסגעשטעלט געוואָרן זלמן שזר — דער, וועלכער איז געציילטע וואָכן שפּעטער אויסגעוויילט גע־וואָרן צו זיין דער פרעזידענט פון דער מדינה. אינעם קאָמיטעט זענען

צווישן אַנדערע אַריין: דער פּרעמיער־מיניסטער ד. בן־גוריון, די אויסערן־מיניסטאָרין גאָלדע מאיר, דער פינאַנץ־מיניסטער לוי אשכול, דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות א. בעקער, דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער י. בר־יהודה, דער פאָרזיצער פון דער אָנפירונג פון דער יידישער אַגענץ מ. שרת, דער פאָרזיצער פון כנסת ק. לוז, יצחק טאַבענקין, י. זרובבל, מ. יערי און די סעקרעטאַרן פון די דריי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס באַראַכאָוו איז געווען פון זייערע גרונט־לייגער.

דער גאַנצער ענין איז געהאַלטן געוואָרן בסוד סודות און זיינע פּרטים זענען דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט ערשט דעם 29־טן מערץ, ווען דער אָרון האָט זיך שוין געפונען אויפן וועג אין לאַנד אַריין. די איבעראַשנדיקע נייעס האָט זוכה געווען צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער פּרעסע.

* די רשימה פון די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט געפינט זיך אויף זייט 4.

די זיצונג פון געזעלשאפטלעכן קאמיטעט

דעם ערשטן אַפּריל 1963, אין די נאָכמיטיק־שעהן, איז פון לוד אַרויסגעפלויגן קיין רוים אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פונעם געזעלשאַפט־לעכן קאָמיטעט, כדי צו באַגלייטן דעם אָרון מיט בעראָכאָוון קיין ישראל. ביז רוים איז דער אָרון באַגלייט געוואָרן דורכן ישראלדיקן אַמבאַסאַדאָר אינעם ראַטן־פאַרבאַנד, י. תקוע.

פיר מאַן זענען געווען אין דער דעלעגאַציע: זלמן שזר, דער פאָרזיצער פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, דוד בעראָכאָוו (דער זון פונעם פאַרשטאָרבענעם), יעקב זרובבל און רפאל מאהלער.

אייניקע שעה פריער איז אין ועד הפועל פון דער הסתדרות פאָרגע־קומען אַ זיצונג פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אויף אָפּצוברענגען די שטערבלעכע רעשטן פונעם אידעאָלאָג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

דערעפנט די זיצונג האָט דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, א. בעקער, וועלכער האָט געזאָגט:

ווען ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה וועגן דעם אַריבערפירן קיין ישראל די שטערבלעכע רעשטן פון בער בעראָכאָוו, האָבן אַ קלאַפּ־געטון שטאַרקער אונדזערע אַלעמענס הערצער און מיר האָבן גלייך געשאַפן דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס זיינע מיט־גלידער געפונען זיך דאָ איצט — אַ קאָמיטעט צונויפגעשטעלט פון פאָר־שטייער פון דער רעגירונג, דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער הסתדרות און די אַרבעטער־פּאַרטייען. און גוט, וואָס די זאַך איז געראָד געשען אין אַ צייט ווען אין לאַנד געפינען זיך, אינגאַנצן צופעליק, חברים און פאָר־שטייער פון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער זייט אָקעאַן —

פון די פאַרייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, קאַנאַדע — כמעט פון אַלע אַרבעטער־פאַרטייען.

די הסתדרות האָט גערן אויף זיך גענומען די בכבודיקע אויפגאַבע. לויטן פּלאַן דאַרף דער אָרון אָנקומען היינט אין אָוונט און אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע וועט אַרויסגעשיקט אָפּצונעמען דעם אָרון. מאָרגן וועט געגעבן ווערן דאָ, אינעם בנין פון ועד הפּועל, אַ מעגלעכקייט פאַר די מאַסן אַרבעטער — מען קאָן דרייסט זאָגן: פאַר די מאַסן פון פאָלק — פאַרבייצוגיין אין משך פון אייניקע שעה פאַרן אָרון. מיטוואָך אין דער פרי וועט דער לוויה־צוג רירן פון דעם הויז — צום כנרת. דאָס כנרת, וואָס איז געוואָרן דער פאַנטעאָן פאַר די גרעסטע פון אונדזער באַוועגונג — דאָרט וועלן אויך רוען זייער אייביקע רו די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָראָכאָוו.

דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות גיט דאָן דאָס וואָרט בערל לאָקערן, פון די נאָענטסטע פריינד פון באָראָכאָוון, וועלכער פירט אויף די זיצונג.

בערל לאקער / דער מענטש פון אידעע און פון קאמף

פאַר מיר איז עס אַ גרויסער טאָג און קודם כל — אַ טאָג פון טרויעריקע נאָכטראַכטעניש, ווען איך דערמאָן זיך, וואָס באָראָכאָוו וואָלט אונדז נאָך געקאָנט געבן, ווען ער וואָלט געלעבט נישט בלויז 36 יאָר. ביי זיין קורץ לעבן האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה: אין פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — דער אַלגעמיינער, דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער; אין די פראַגן פון ציוניזם; אין די פראַגן פון דער יידישער שפּראַך; אין די פראַגן פון פילאָזאָפיע; אין די פראַגן פון יידישן געראַנגל אין די פאַרייניקטע שטאַטן — די באַמיונגען צו פאַרזיכערן די יידישע רעכט, די נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע, אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אויך אין די פראַגן פון שטיין אויף דער וואַך פאַר די יידישע רעכט נאָך דער מלחמה, אין די לענדער ווו די יידן זענען געווען אַ גרויסע מינדערהייט.

כ׳האָב געהאַט דאָס גליק זיך צו טרעפן מיט אים אייניקע מאָל. קודם־כל — אויף דער ווינער וועלט־קאָנפערענץ אין 1911. מיר האָבן זיך גלייך באַפריינדעט און אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיך. צום מיין גרויס באַדויערן זענען די מערהייט בריוו פאַרשוווּנדן בעת מיינע וואַנדערונגען, אין די איבערקערעניש, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַלטן עסטרייך און אין גאַליציע. אָבער איין בריוו איז מיר געלונגען צו פאַרהיטן.

אין האַרבסט פון יאָר 1914 האָט געזאָלט פאָרקומען אַ קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון. מיר האָבן נישט זוכה געווען אָפּצוהאַלטן די גאַנצע קאָנפערענץ, ווייל אין צווישנצייט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. באָראָכאָוו איז אַנטלאָפן פון עסטרייך קיין איטאַליע און שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

ווען איך בלעטער אין זיינע כתבים — אינעם ערשטן באַנד אין יידיש, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון שזרן; אינעם צווייטן באַנד,

וועלכן איך האָב אַרויסגעגעבן אין יאָר 1928; אינעם ערשטן באַנד, וועלכן שזר האָט אַרויסגעגעבן אויף העברעיש און אין די צוויי גרויסע בענד, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף העברעיש פון די חברים לעוויטע און בן־נחום (און ביי מיר געפינען זיך אויך שאַפּונגען, וואָס זענען נאָך נישט דערשינען) — זע איך, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. דאָך דאַרפן מיר דאַנקבאַר זיין דעם גורל היינט, 46 יאָר נאָך זיין טויט, וואָס עס איז אונדז געגעבן געוואָרן דער דאָזיקער מענטש — בּאַראָכאָוו. אָן אים, אָן די קורצע יאָרן פון זיין לעבן, וואָלטן מיר געווען אַ סך אָרעמער, ווי מיר זענען היינט.

ער איז געווען דער מענטש פון אידעע און דער מענטש פון קאַמף. ער איז געווען אַ שאַרפער פּאָלעמיסט און דערביי אַ ביז גאָר איידעלע נשמה, געהיטן זיך נישט פּוגע צו זיין פּערזענלעך אין זיינע קעגנער.

אין יענער צייט האָט ער געשריבן זיין אָפּהאַנדלונג „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע". לויט מיר נאָך איז עס איינס פון זיינע וויכ־טיקסטע ווערק. שוין דאַן איז ער געווען אַ מענטש פון די „פּועלי־ציון", אָבער ווען ס'איז אַרויסגעשווומען די פּרשה אוגאַנדע, האָט ער מיר געשריבן (כ'האָב עס ציטירט זיין פּרוי, ליובע): „מען וויל געבן דעם יידישן פאָלק אַ שטיין, אַנשטאָט ברויט". און ער האָט זיך אָנגעגורט מיט קראַפט און אַרויס אין קאַמף קעגן דעם געדאַנק פון אוגאַנדע. ער איז דאַן געווען פון די „ציוני ציון", באַנוצנדיק זיך אויך מיטן מאַרקסיסטישן לאַנצעט, אָבער גערעדט האָט ער אין אַ שאַרפן ציוניסטישן און נאַציאָ־נאַלן טאָן.

ציון — דאָס איז אַ דרייגאָרנדיקע אידעע. ס'זענען דאָ דריי אידעעס: ציון פאַרן אויפלעבן דאָס פאָטערלאַנד, ציון פאַרן אויפלעבן דאָס פאָלק, ציון פאַרן אויפלעבן די קולטור. ער האָט געזאָגט: „אויב ציון וועט פאַרשווינדן, וועלן מיר זיין געצוווּנגען שלום צו מאַכן מיטן גורל; אָבער כל זמן ציון עקזיסטירט — קאָנען מיר נישט רעזיגנירן דערפון אין קיין שום פאַל".

דאַן איז ער אַריבער צו דער תקופה פון דער „פלאַטפאָרם" — „נאַשאַ פלאַטפאָרמאַ" — שוין גאָר אַן אַנדערע זאַך, אָבער אויך דאָרט געפינט זיך אַ גלענצנדיקער מאַרקסיסטישער אַנאַליז. ס׳זענען דאָרט פאַראַן געדאַנקען, וואָס בלייבן פריש און אַקטועל ביזן היינטיקן טאָג.

אין צווייטן פראַגן האָט ער דורכגעפירט אין די לעצטע יאָרן זיינע אַ רעוויזיע. אין יאָר 1911 האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן „דעם צוזאַמענבינדן זיך פון די שונאי ציון". ער, וועלכער איז געווען „אַ פראַגמאַטישער פּאַלעסטיניסט", וועלכער האָט די עליה קיין ארץ־ישראל געזען ווי אַ סטיכישן פּראָצעס, וועלכער האָט די רוסישע פּאַרטיי אַרויס־געצויגן פון די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט געזאָגט: „מיר דאַרפן בלויז אַכטונג געבן, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל טון די אַרבעט און מיר וועלן אָפּהיטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער". דאַן האָט ער געשריבן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן דעם משיחיזם און דעם ציוניזם.

אָבער אין יאָר 1911, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רעוויזיע אין ציוניזם — און צום סוף זיינע טעג אין קיעוו, — האָט ער געזאָגט אין זיין גרויסער רעדע: „מיר האָבן אַמאָל גערעדט וועגן סטיכישן פּראָצעס, אָבער דער סטיכישער פּראָצעס האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן — איז עס נישט אמת געווען". ס׳איז דאָ אַ סטיכיש־אָרגאַנישער פּראָצעס און ס׳איז דאָ אַ סטיכיש־אימאַנענטער פּראָצעס. אין יענער רעדע האָט ער געזאָגט צווישן אַנדערן: „מיר דאַרפן אַ סוף מאַכן צו דער לאַגע, אַז די בורזשואַזיע זאָל מאַכן די אַרבעט און מיר וועלן בלויז אַכטונג געבן דערויף".

איך ווייס, אַז ס׳זענען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס און צוגאַנגען. מען האָט אַמאָל דערציילט וועגן מאַרקסן, אַז ער האָט געזאָגט: איך בין נישט קיין מאַרקסיסט. אָפּאָטמאָל טראַכט איך, אַז באָראָכאָוו וואָלט גע־זאָגט: איך בין נישט קיין באָראָכאָוויסט. יעדער איינער האָט געקאָנט גיין אין זיינע וועגן און ער איז געווען אַ לערער פאַר אונדז אַלע.

ווען ער איז געווען אין אַמעריקע, האָט ער געאַרבעט אין אַ גרויסער צייטונג, אין „אידישער קעמפער". ער האָט געשריבן וועגן קאָנקרעטע פראַגן. ביי מיר געפינט זיך אַ קליין העפטל, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע תורה: „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק". דאָס העפטל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון שזרן און פון דער יידישער אַגענץ אינעם בוך „כלל ישראל". אָבער זיין גאַנצן פלייס האָט ער דאַן אַוועקגעגעבן דעם קאַמף פאַרן שאַפן דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל פאַרזיכערן די יידן זייערע פולע רעכט. נישט קיין „גרופּן־רעכט", ווי ס'האָט פאָרגעשלאָגן דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט, נייערט „נאַ־ציאָנאַלע רעכט"; נישט רעכט פון קרייזלעך, נייערט פולע רעכט.

ער האָט דאַן געאַרבעט מיטן פאַרשטאָרבענעם סירקין און מיט נאָך חברים, וואָס אייניקע פון זיי לעבן נאָך מיט אונדז. ווען ס'איז אויסגע־בראָכן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, איז ער געבעטן געוואָרן דורך זיינע חברים זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד און ער האָט זיך אומגעקערט.

כ'האָב געהאַט דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן צו אַרבעטן אין דער נאָענט פון אים, צוזאַמען מיט די חברים קאַפּלאַנסקי, כאַזאַנאָוויטש ז"ל און זרובבל יבד"ל, אין די ראַמען פון סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט. מיר האָבן דאַן דערלאַנגט אונדזער מעמאָריאַל און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַ־שלוס אין אונדזער גייסט. דאָס איז געווען אַ גרויסע ווענדונג אין דער שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער וועלט לגבי אונדזער באַוועגונג און אונדזער זאַך.

ווען באָראָכאָוו שטאַרבט נישט אין בליענדיקן עלטער, וואָלטן מיר אַ סך רייכער געווען אין אידעען און אין מעשים. אָבער ער איז נישטאָ. און מיר זענען גליקלעך,ביים גאַנצן טרויער, אַז מיר זענען זוכה געווען זיינע שטערבלעכע רעשטן זאָלן געבראַכט ווערן אין לאַנד אַריין און באַערדיקט ווערן נעבן די רעשטן פון העס און סירקין אין כנרת.

זיין אָנדענק וועט ביי אונדז נישט פאַרגעסן ווערן.

נאָך דער רעדע האָבן די פאַרזאַמלטע באַערט זיין אָנדענק מיט אויפשטיין.

ביום שני ז׳ בניסן תשכ״ג (1.4.63),

יועלו עצמותיו של

דב בר בורוכוב

מאבות הציונות הסוציאליסטית וממורי דרכה

הארון יוטמן ביום רביעי ט׳ בניסן תשכ״ג (3.4.63), בבית העלמין של קבוצת כנרת.

הקהל יוכל לעבור על פני הארון בבית הועד הפועל של ההסתדרות ביום שלישי, ח׳ ניסן תשכ״ג (2.4.63) בשעות 5 אחה״צ — 10 בערב.

מסע ההלווייה יצא מבית הועד־הפועל של ההסתדרות לבית־העלמין בכנרת ביום רביעי, ט׳ בניסן תשכ״ג (3.4.63) בשעה 8.30 בבוקר.

ברחבת הועד הפועל, לפני צאת ההלווייה, ינאמו:

ראש הממשלה	מזכיר ההסתדרות
דוד בן־גוריון	**אהרן בקר**

המסע יעבור דרך כביש נתניה, צומת חדרה, וואדי ערה, יתעכב ליד קבוץ מרחביה וקבוץ עין־חרוד וימשיך דרכו לכנרת.

ביום רביעי בשעה 11.30 יוצג הארון ב„אהלו״.

ברחבת „אהלו״ יספידו:

זלמן שזר, יצחק טבנקין, מאיר יערי

בשעה 1.00 אחר־הצהריים ייערך טקס הקבורה בבית העלמין של קבוצת כנרת.

זלמן שזר

יו״ר הועד הצבורי להעלאת עצמות ד. ב. בורוכוב

המעוניינים להצטרף למסע ההלוויה לכנרת יפנו נא מיד לועד הפועל של ההסתדרות טלפון 46111, קו פנימי 537 (הח׳ פרידה).

די טרויער־מעלדונגען אין די גאַסן

← די דעלעגאַציע ביים ארון אויפן פלי־פעלד אין לוד



דער ארון קומט אן

דער אַעראָפּלאַן, וואָס האָט געזאָלט ברענגען באַראַכאָווס אָרון פון רוים (באַגלייט דורך דער ספּעציעלער דעלעגאַציע, וועלכע איז צו דעם צוועק געפלויגן קיין רוים), איז נישט אָנגעקומען קיין לוד אין דער באַשטימטער שעה. צענדליקער מענטשן, וואָס זענען געקומען קיין לוד אָפּצוּוואַרטן דעם אָרון, האָבן געליטן אַן אַנטוישונג, ווייל ס׳זענען אויך נישט מקוים געוואָרן די מעלדונגען וועגן אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג.

דרינגענדיקע טעלעפאָנישע געשפּרעכן מיט רוים האָבן צום סוף געבראַכט די אינפאָרמאַציע, אַז ס׳איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַ שייבל אין דער פּילאָטן־קאַבינע פונעם „אל־על״־אַעראָפּלאַן און דאָס פאַריכטן וועט זיך נאָך פאַרציען אַ געוויסע צייט. דערווייל זענען קיין לוד און צוריק געפאָרן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט בייווינען דאָס אָנקומען פון אָרון. נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה (דער אָרון האָט געזאָלט אָנקומען דעם ערשטן אַפּריל אין אָוונט), האָבן אויפן פלי־פעלד געוואַרט דער אַדיוטאַנט פונעם מלוכה־פּרעזידענט, אַלוף משנה י. כרמל, די פרוי פון באַראַכאָוון, ליובע, זיין טאָכטער, שושנה, זיין זון דוד און אַ סך אַנדערע.

דער אַעראָפּלאַן איז ענדלעך אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון פולע 8 שעה, 3.10 אין מיטן דער נאַכט. עס האָבן אים מקבל פנים געווען: דעם פּרעזידענטס אַדיוטאַנט (דער פּרעזידענט אַליין איז אַ טאָג פריער צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין), דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער י. בר־יהודה, דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות א. בעקער, דער פאַר־שטייער פון אויסערן־מיניסטעריום ש. אַבידן, פאַרשטייער פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות און די משפחה־מיטגלידער.

צוויי קרענץ — פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט און פונעם ועד הפועל — זענען געלייגט געוואָרן אויפן אָרון, ווען ער איז אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פונעם אַעראָפּלאַן אין דער באַגלייטונג פון דער מלווים־דעלע־גאַציע און דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אינעם ראַטן־פאַרבאַנד. דאַן איז דער אָרון, אויף די פּלייצעס פון די אָנוועזנדיקע, אַראָפּגעטראָגן געוואָרן נאָך אַ קורצער צערעמאָניע אויפן טענדער, וואָס איז געשטאַנען גרייט און אויף וועלכן ס׳האָט געוואַרט אַן ערן־וואַך פון „הפועל״־אָרדנער.

אַרום 4 פאַרטאָג איז דער אָרון אָנגעקומען אינעם הויז פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות און ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין איינעם פון די זאַלן, אַרומגעשטעלט מיט אַן ערן־וואַך.



מאסן גייען פארביי פארן ארון

דעם 2־טן אַפּריל, 5 נאָכמיטיק, זענען געעפנט געוואָרן די טירן פונעם זאַל, ווו ס'איז געווען אויסגעשטעלט דער אָרון און טויזנטער פאַרערער פון בער באָראָכאָוו — דעם אידעאָלאָג און גרויסן לערער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר באַגין, וועלכער איז געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער, האָבן אָנגעהויבן פאַר אים צו דע־פילירן. די אַלע שעהן זענען ביים אָרון געשטאַנען ערן־וואַכן פון פאַרדינסטפולע טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטגלידער פון דער ועדה המרכזת פון דער הסתדרות און פאָרשטייער פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

ביז 10 אין אָוונט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דער שטראָם פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פונעם ועד הפועל און פון די אַרבעטער־פּאַרטייען צו דערטיילן דעם לעצטן כבוד בער באָראָכאָוון. אויך די תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט גערופן די מאַסן בירגער צו קומען דערטיילן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם.

די פריינד און תלמידים פון באָראָכאָוון אין אויסלאַנד — די וואָס האָבן נישט געקאָנט אַליין קומען און טון די מצווה — האָבן געשיקט טעלעגראַמעס מיט אויסדרוקן פון מיטבאַטייליקונג אינעם אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ מענטשן, וועלכער האָט מיט אַזויפיל כוח אויך געקעמפט פאַר די רעכט פון די יידן אין גלות.

צומאָרגנס, דעם דריטן אַפּריל 1963, אין די פריע מאָרגן־שעהן, האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אַ ריזיקער המון אויפן פּלאַץ פאַרן ועד הפועל אין תל־אביב. באָראָכאָווס פאַרערער האָבן געהאַלטן פאַר

זייער חוב אָנוועזנדיק צו זיין ביים אַרויספירן דעם אָרון אין זיין לעצטן וועג.

8.30 אין דער פרי איז דער אָרון אַרויסגעטראָגן געוואָרן פונעם בנין פון ועד הפועל אויפן הויף אַרויס — אויף די פּלייצעס פון די חברים פון דער ועדה המרכזת און פונעם תל־אָביבער שטאָט־פּרעזידענט מ. נמיר.

פאַרן אָרון האָבן מאַרשירט די דעלעגאַציעס פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און פון די אָרדנער פון „הפועל". ס'זענען געטראָגן געוואָרן צענדליקער פיל־פאַרביקע קרענץ. אין דער טרויער־צערעמאָניע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן אָרט, האָבן זיך באַטייליקט די אָנפירער פון דער מדינה, כנסת־דעפּוטאַטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און אַ גרויסע מאַסע בירגער.

בלויז איין גרויסער מענטש, דער חבר און פערזענלעכער פריינד פונעם פאַרשטאָרבענעם, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געווירקט און געקעמפט אין דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין רוסלאַנד, האָט געפעלט אויף יענעם אָרט. דאָס איז געווען דער מדינה־פּרעזידענט יצחק בן־צבי, וועלכער איז אין די זעלבע טעג אַוועקגעפאַלן אויפן קראַנקן־בעט, פון וועלכן ער איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. אַ גרויסער טראַגיזם איז געווען אין דעם, וואָס דווקא דער נאָענטסטער חבר פון באָראָכאָוון, וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיט אים באַטייליקט אין אַלע גרויסע געזעלשאַפטלעכע געראַנגלען פונעם אָנהייב יאָרהונדערט, האָט נישט געקאָנט נעמען קיין אָנטייל אין דער טרויער־פייערלעכקייט. דערצו נאָך, ווען יצחק בן־צבי ז"ל האָט זיך פערזענלעך באַמיט צו באַקומען די דערלויבעניש פון דער ראַטן־רעגירונג אַראָפּצוברענגען די שטערבלעכע רעשטן פון באָראָכאָוון אין לאַנד אַריין.

די אזכרה אויפן פלאץ פארן ועד הפועל

דער ערשטער הספד אויפן פלאַץ פאַרן ועד הפועל פון דער הסתדרות איז געהאַלטן געוואָרן פונעם סעקרעטאַר פון דער הסתדרות.

א. בעקער / איינער פון די דרייסטע אידעאלאגישע פיאנערן פון אונדזער באוועגונג

פון דעם דאָזיקן פלאַץ האָבן מיר מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק באַגלייט דעם אָרון פונעם אידעאָלאָג פון ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישן געדאַנק משה העס. פון דעם זעלבן פלאַץ ברענגען מיר איצט צו זיין פאָלק די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָראָכאָוו — פון די פירנדיקע טעאָרעטיקער פון דער ציוניסטישער אַבעטער־באַוועגונג און איינעם פון אירע לערער. מיר ברענגען אים היינט אויפן בית־עולם אויפן ברעג פון כנרת, ווו ס׳זענען געבראַכט געוואָרן צו אייביקער רו די אידעישע פיאָנערן, ביי דער זייט פון די פיאָנערן פון טאַט — וואָס צוזאַמען מיט זיי און אין זייער זכות איז אויפגעבויט געוואָרן און ס׳איז אויסגעפאָרמירט געוואָרן אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין דעם לאַנד — לויטן מוסטער און אין דער פאָרם פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־באַוועגונג.

בער באָראָכאָוו האָט געהערט צו דער גרופע פון די דאָזיקע פיאָ־נערן. ווייל כדי אַזוי צו באַווייזן די יידישע ווירקלעכקייט, צו זען זי אין אַזאַ אַכזריותדיקער פאָרם, האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן נישט בלויז די פעיקייטן פון אַנאַליזירן, נישט בלויז די פעיקייט טיף אַריינצודרינגען אין דער געשיכטע פונעם פאָלק, נישט בלויז אַ ווייטע און דורכדרינ־גענדיקע פערספעקטיוו פון די צוקונפט־וועגן, נייערט — און אפשר



קודם־כל — אַ פּיאָנערישע דרייסטקייט פון געדאַנק ,דעם מוט דורכצו־שלאָגן אַ וועג פאַר אַ נייער מחשבה, אַכזריותדיק אין זאַכלעכן אַנאַליז און גלייכצייטיק אין די פּראַקטישע אויספירן. פון דעם שטאַנדפּונקט ווערט באָראָכאָוו פאַררעכנט צו די מוטיקסטע אידעאָלאָגישע פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג.

די לערע פון בער באָראָכאָוו — כאָטש זי איז נישט געווען די לערע פון אַלע ישׂראלדיקע אַרבעטער אין זייערע פאַרשידענע טיילן — האָט געווירקט און אויסגעשטראַלט אויפן לעבן און ווערק פון גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק אין ישׂראל. די לערע האָט עס באַוואָפנט די יידישע יוגנט אינעם אייראָפּעישן גלות מיט אַ געווער צום קאַמף קעגן די טענדענצן פון אַסימילאַציע און אַליין־פאַרלייקענונג.

מיטן שאַרפן לאַנצעט פון דער לאָגיק האָט באָראָכאָוו אַנאַליזירט די יידישע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אַנאָמאַליע אינעם גלות פון מזרח־אייראָפּע און מיט אַ פאַרויספילונג פון די זיך דערנענטערנדיקע סכנות האָט ער פאַרלאַנגט צו פאַריכטן די אַנאָמאַליע דורך קאָנצענטראַציע און נאַציאָנאַלער אויסלייזונג.

באָראָכאָוו האָט אָנגעזאָגט די גרויסע עליה און ער האָט זיך בכלל נישט־פאַרגעשטעלט, אַז זיין תּורה פון שטויס צו עמיגראַציע און מוז פון עמיגראַציע וועט זיך אַרויסווייזן ווי אַ היסטאָרישער אמת דווקא אין די יידישע קרייזן, וואָס זענען דאַן בכלל נישט געווען אין די ראַמען פון אויסבליקן און אין די ראַמען פון באַטראַכטונגען ביי די אייראָפּעישע אידעאָלאָגן פון אונדזער באַוועגונג — די גרויסע מאַסן מזרח־יידן, וואָס זענען געזעסן אויף די ברעגן פון עופראַט און טיגער, ווי אויך אויף דעם גאַנצן קאָנטינענט פון צפון־אַפריקע. די לערע פון באָראָכאָוון איז נישט דערגאַנגען אין יענע קרייזן, אָבער די יידישע היסטאָרישע ווירקלעכקייט, די פינצטערע ווירקלעכקייט — האָט אויך זיי דערגרייכט.

באָראָכאָוו האָט פאַרויסגעזען און גערופן צו דער דריי־אייניקייט פון דער ציון־וויזיע: ציון פון באַפרייען דאָס פאָלק, ציון פון אויפלעבן

→ דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות אהרן בעקער האַלט זיין רעדע

די העברעישע קולטור און ציון פון אומקערן זיך צום אַלטן פּאָטערלאַנד. און איבער דער דרייאיקער וויזיע האָט ביי באַראָכאָוון געשוועבט די אַלגעמיינע וויזיע פון אַ פרייער אַרבעטס־געזעלשאַפט. ווי אַ לעבעדיקע מויער אויף צו באַשטעטיקן דעם אמת שטייט איצט אונדזער נאַציאָ־נאַל און מענטשלעך ווערק, איז איצט אויפגעבויט די געזעלשאַפט, וואָס איז פּלאַנירט ווי אַ נאָרמאַלע עקאָנאָמישע פּיראַמידע אויפן פונדאַמענט פון שעפערישער אַרבעט; האָבן מיר איצט אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז אַריינגעוועבט אין די גרונטיקע, באַזעדיקע אינדוסטריי־צווייגן — אין דער שווער־אינדוסטריי, אין פּאָרטן, אין גרובנס, אין דער לאַנדווירטשאַפט; מיר האָבן אַ זעלבשטענדיקע סוּוערענע מדינה ישראל, וואָס אירע אַרכיטעקטן זענען געווען באַראָכאָווס חברים פון דער באַ־וועגונג און פון די שטרעבונגען.

זעקס און דרייסיק יאָר איז באַראָכאָוו אַלט געווען ווען ער איז געשטאָרבן. אין משך פון דעם קורצן, כמעט אָפּגעכאַפּטן לעבן, האָט ער באַוויזן צונויפצואַמלען אַ ריזיקע משא פון געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, אידעאָלאָגישן שאַפן, זוכעניש פון וועגן, ווי אויך — פונקען פון האָ־פענונג. די דאָזיקע פונקען פון האָפנונג — צו ברענגען אַביסל מער פרייהייט פאַר זיין פאָלק, — האָט באַראָכאָוו מיט זיך געטראָגן אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן אין דעם אויפגעשטורעמטן רוסלאַנד, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט די פלאַמען פון אַן איבערקערעניש, ווי זי וואָלט געטראָגן אויף אירע פליגלען אַ נייע בשורה. אָבער דער גורל איז געווען אַכזריותדיק צו אים, ווי אויך צו אונדז. באַראָכאָוו האָט נישט זוכה געווען צו זען ביי זיין לעבן דאָס ווערק פון אונדזער אויפ־לעבונג אין ישראל. אויך די פונקען פון האָפנונג פאַר אַ פול נאַציאָנאַל לעבן, וואָס זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין די הערצער פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, — אויך דאָס איז נאָך בלויז אין די ראַמען פון טרוימען. און זייער בענקען צו פולער נאַציאָנאַלער דערלייזונג אינעם

סוּוערענעם פּאָטערלאַנד — איז אַלץ אַ בענקען אָן אַן אָפּרוף; פון פאַרקנעכטונג צו דער אויסגעחלומטער פרייהייט זענען זיי נאָך נישט געקומען.

אַ סך פּראַקטישע אָנווייזונגען און אַ סך וויכטיקע לערעס זענען געשריבן און געגעבן געוואָרן דער געזעלשאַפט — אונדזער געזעלשאַפט אַריינגערעכנט, — דורך גרויסע גייסטער און קינסטלער פון היסטאָרישן אַנאַליז. אָבער די ספּעציעלקייט, דער זכות און דער שכר פון באָראָכאָוס לערע — גראָד ווי דער שכר פון אַנדערע אידעישע פּיאָנערן פון דער אַרבעטס־באַוועגונג — באַשטייט אין דעם וואָס זייער לערע האָט ווי אַ פייער־פלאַם אַרומגעכאַפּט די באַוועגונג פון חלוצישער פאַרווירקלעכונג און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן מכשיר אין די הענט פון רעאַליזאַטאָרן, וואָס האָבן די תורה פון די ערשטע פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג פון טאַט, מיט וועלכן זיי האָבן באַפעסטיקט, אויסגעהאַקט און אויסגעפורעמט די געשטאַלט פון אַן אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט אין ישראל.

אין דעם גרויסן טאָג פאַר ליובע באָראָכאָוו, איר פאַמיליע און דער גרויסער פאַמיליע פון אַרבעט אין ישראל, ברענגען מיר בער באָראָכאָוון צו זיין נחלה אויפן ברעג פון כנרת — מיט דער ליבע פון חברים, מיטן כבוד פאַרן לערער און זכרון אויף אייביק.

דער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון, וועלכער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט באָראָכאָוון אויף צוויי וועלט־קאָנפערענצן פון „פּועלי־ציון" פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז טיף באַאיינדרוקט געוואָרן פון זיין פערזענלעכקייט, האָט אים איצט מספּיד־געווען אינעם פּאָטערלאַנד, צו וועלכן דער פאַרשטאָרבענער האָט געשטרעבט, אָבער צו וועלכן ער האָט נישט זוכה געווען צו דערגרייכן. די ווערטער פון דוד בן־גוריון זענען מיט גרויס שפּאַנונג אויסגעהערט געוואָרן דורך דער גרויסער מאַסע.

דוד בן־גוריון / איינער פון די יחידי סגולה

מיר באַגלייטן היינט צו זיין אייביקער רו אין אונדזער לאַנד איינעם פון די גרויסע יחידי סגולה פון אונדזער פאָלק אין די לעצטע דורות, אַן אויסגעשפּראָכענעם וויסנשאַפט־מענטש, אַן אָריגי־נעלן אידעען־שעפער; אַ מענטש, וואָס אהבת ישראל און אהבת ארץ־ישראל האָט געפלאַמט אין אים ווי אַ פייער — פאַר יעדער אויפקלערונג און פאַר יעדער זאַכלעכער און וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג; אַ מענטש, וואָס איז ביזן לעצטן מאָמענט מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה געווען צונויפגעבונדן מיטן חלוצישן ווערק אין לאַנד.

באַראָכאָוו האָט אַפילו נישט זוכה געווען צו קומען אין לאַנד, ווייל ער איז פריצייטיק געשטאָרבן. אָבער ער האָט זוכה געווען דאָס, וואָס עס האָבן נישט זוכה געווען אַ סך גרויסע פירער פון אונדזער באַוועגונג, אַז זיין גאַנצע משפחה — זיין פרוי, זון און טאָכטער, — זענען בויער פון לאַנד און זיינע בירגער זייט אַ סך יאָרן.

איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו קענען באַראָכאָוון אין זיינע יונגע יאָרן. אויך באַראָכאָווס לערע איז צו מיר דערגאַנגען, ווען כ׳בין שוין געווען אין ארץ־ישראל. אין דעם מאָמענט מוז איך אויך זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז זיין לערע האָט נישט אַפּעלירט צו מיר. אָבער איך האָב געהאַט די זכיה זיך צו באַגעגנען מיט בער באַראָכאָוון — צו ערשט אין איראָפּע, אויף צוויי וועלט־קאָנפערענצן פונעם פאַרבאַנד „פועלי־ציון״, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1909 אין ווין און אין 1911 אין קראָקע. און נאָכמער האָב איך געהאַט די זכיה צו אַרבעטן מיט אים אין משך פון מער ווי צוויי יאָר, צוזאַמען מיט מיין טייערן און גרויסן חבר, וועלכער איז אַזוי נאָענט געווען צו אים און האָט מיט אים געאַרבעט אין דער יוגנט — דעם פּרעזידענט פון דער מדינה ישראל, מיין טייערער חבר יצחק בן־צבי, וועלכער קאָן נישט זיין מיט אונדז היינט אויף דעם

אָרט, צו אונדזערס אַלעמען צער, צוליב זיין געזונט־צושטאַנד.

דאַן האָב איך עס טאַקע דערקענט נישט בלויז די גאונות פון זיין געדאַנק. זיין וויסנשאַפטלעכע גרויסקייט, נייערט איך האָב דערקענט די טיפע יידישע אינסטינקטן פונעם מענטש בער באָראָכאָוו — און אַ סך פון אייך איז דאָך באַוווּסט, אַז בער באָראָכאָוו איז אַרויסגעטראָטן פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל ער האָט אים באַטראַכט ווי אַ בורזשואַזע אינסטיטוציע.

אָבער דער דאָזיקער מענטש איז נישט געווען פאַרגליווערט אין זיין געדאַנק, ער איז נישט געווען קיין קנעכט פון דער דאָגמע. ווען ער איז צוליב דער מלחמה אָנגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן — און אין ליכט פון די מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקטביים סוף פון דער מלחמה — איז בער באָראָכאָוו געוואָרן פון די ערשטע קעמפער פאַרן אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס פון די יידן אין די פאַרייניקטע שטאַטן; ווייל דאָס יידנטום פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אויפן אויבערשטן שטאַפּל פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און איז געוואָרן איינער פון די דעצידירנדיקע גורמים — אויב נישט דער ערשטער גורם — אין אינטערנאַציאָנאַלע פראגן, בעיקר אין פראַגן, וואָס זענען דאַן אָנגערופן געוואָרן: די רעכט פון יידישן פאָלק און זיין היסטאָרישע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל.

ער איז געווען פון די ערשטע שאַרפסטע און שטאַרקסטע קעמפער און איך באַדויער, וואָס זיינע פּלאַמיקע אַרטיקלען אין דער פראַגע, וואָס זענען דערשינען אין דער אַמעריקאַנער צייטונג, וועלכע עקזיסטירט שוין נישט היינט — זי האָט דאַן געהייסן „ווארהייט״, — אַז זיינע פּלאַ־מיקע אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט גערופן צו אַן אַלגעמיין יידישן צוזאַמענקום, וואָס איז אין אַמעריקע אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „ציוניסטישער קאָנגרעס״ — זענען ביז היינט נישט צוזאַמענגעקליבן געוואָרן.

איך ווייס, אַז אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך,



פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט נישט דערגרייכט די געדאַנקלעכע און וויסנשאַפטלעכע הויכן פון בער באָראָכאָוו, קאָן אפשר אויסגעדריקט ווערן דורך שרייבן אַ גאַנץ בוך. און אפשר וועט אויך דאָס נישט איבער־געבן די גאַנצע גרויס פון זיין נשמה, נישט די גרויס פון זיין געדאַנק. נייערט איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איין קליינעם פּרט — און אַמאָל וואַרפט אַ קלענער פּרט זיין ליכט אויף דער גאַנצער נשמה פון אַ מענטשן.

דער צוזאַמענטרעף אויף דער קראָקעווער קאָנפערענץ

דאָס איז געווען בעת דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פונעם פאַר־באַנד פּועלי־ציון, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין קראָקע אינעם יאָר 1911. די דעלעגאַן פון ארץ־ישראל צו דער קאָנפערענץ זענען געווען צוויי: מיין טייערער און דערהויבענער פריינד יצחק בן צבי און איך, אייער דינער. איינע פון די ברענענדיקע פראַגן אויף דער קאָנפערענץ איז געווען — דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פאָנד. מיר זענען אַהינ־געקומען מיט דער אַפּיקורסישער הנחה — פאַר אונדזערע חברים אין אויסלאַנד — אַז אונדזער איבערגעגעבנקייט צו די א״י־אַרבעטער (דאַן זענען מיר געווען אָרגאַניזירט אין דער „פּועלי־ציון״־פּאַרטיי) און צו דעם כלל אַרבעטער אין לאַנד, איז קודם, פאַר אונדזער איבערגעגעבנקייט דעם פּועלי־ציון־פאַרבאַנד אין גלות. עס איז געווען אַ גרויסע אויפגעי־שטורעמקייט קעגן אונדז צוליב דער אַפּיקורסות. מען האָט זיך נישט באַפרידיקט בלויז מיט ווערטער פון קריטיק, נייערט די קאָנפערענץ האָט אַפילו אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט געטאַדלט דאָס, וואָס מען האָט דאַן אָנגערופן „דער סעפּאַראַטיזם פון אונדזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל״. דוכט זיך מיר, אַז בעצם איז אויך באָראָכאָוו געווען מיט דער זעלבער מיינונג, נייערט ער איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט נישט אויפגעהויבן זיין האַנט קעגן די שליחים פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער, צוליב דעם טיפן געפיל פון כבוד, וואָס איז געווען אין זיין

→ דוד בן־גוריון האָלט זיין רעדע אויפן פּלאַץ פאַרן ועד־הפועל

האַרצן פֿאַר די חלוצים אין לאַנד. איך האָב דאַן געזען ווי ווערטפּול ער איז געווען און דעם טיפֿן נשמהדיקן צוזאַמענבונד, זיין גרויסע פֿאַר־ערונג פֿאַר די פֿאַרווירקלעכנדיקע ארץ־ישׂראל־חלוצים.

אַ סך האָבן זיך נישט פֿאַנאַנדערגעקליבן אין דער לערע פֿון באָר־ראָכאָוו. ער האָט גערעדט וועגן אַ סטיכישן פּראָצעס, אַז די עליה איז אַ מוז, ווי עפּעס אַ ספּעציעלער כוח, וואָס שטעקט אין אונדז וואָלט געצווונגען די יידן צו גיין קיין ארץ־ישׂראל. דאָס איז אַן אַבסאָלוטער טעות.

יאָ, בער באָראָכאָוו האָט געזוכט און אויך געפֿונען אַ וויסנשאַפֿט־לעכע אויפֿקלערונג. נישט בלויז דער סטיכישער פּראָצעס, וואָס עפּעס אַן אויסערלעכער כוח צווינגט אַרויף אויף די יידן צו קומען קיין א״י, נייערט אויך אויסערלעכע סיבות; דער עיקר האָט ער אָבער פֿאַר־שטאַנען די אינערלעכע שטויס־קרעפֿטן, די נויט און דעם דורשט פֿון יידן צו גיין קיין א״י. דאָס איז געווען די דעצידירנדיקע אינערלעכע שטויס־קראַפֿט פֿון די נשמה־טיפֿענישן, וואָס איז אַרויסגעהאָלפֿן געוואָרן מיט אַן אויסערלעכן שטויס.

דאַן האָב איך דערזען די גאַנצע טיפֿקייט פֿון זיין צוגאַנג, וואָס איז געווען אַנדערש ווי ביי זיינע איבעריקע חברים אין גלות.

ס׳איז געווען דאָרט אַ דעלעגאַציע פֿון רוסלאַנד (ס׳איז געווען נאָך פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציע), געווען אַ דעלעגאַציע פֿון פּוילן, ווו די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַ פֿאַרבינדונג מיט רוסלאַנד און ס׳איז געווען אַן אונטערשיד פֿון צוגאַנגען צווישן זיי. ס׳איז אויך געווען אַ גרויסע דעלעגאַציע פֿון גאַליציע און פֿון עסטרייך. ס׳איז געווען אויך אַ דעלעגאַציע פֿון אַמעריקע. די נאָענטסטע צו די ארץ־ישׂראלדיקע זענען געווען די אַמעריקאַנער, ווייל צווישן זיי איז געווען זייער וויניק יידישיסטן.

איינע פֿון די פֿראַגן, וואָס האָבן מער פֿון אַלץ פֿאַנאַנדערגעטיילט דאַן און געדינט ווי די שאַרפֿסטע סיבה פֿאַר מחלוקת, איז געווען די

שפראַכן־פראַגע. די אַמעריקאַנער האָבן אַלע געשטימט קעגן אונדז. אויך די רוסישע, פוילישע, עסטרייכישע. ס׳איז געווען בלויז איין בול־גאַרישער דעלעגאַט — כ׳ווייס נישט צוליב וועלכער סיבה באַראַכאָוו האָט דאַן באַקומען דעם מאַנדאַט פון בולגאַריע, כאָטש ער האָט געקאָנט רעפּרעזענטירן די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד און אין יעדן אָרט אין דער וועלט — וואָס האָט נישט אויפגעהויבן זיין האַנט. איך בין אויפ־גערודערט געוואָרן פון זיין באַציונג צום חלוצישן ווערק. דאָס איז נישט געווען צוליב זיין גוטער באַציונג צו די צוויי חברים, וואָס זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ. כאָטש איינער פון זיי איז דאַן באַקאַנט געווען אין לאַנד אונטערן נאָמען אבנר, אָבער איצט איז ער באַקאַנט אונטערן נאָמען בן־צבי (זיין פאָטער, וואָס האָט געהייסן צבי ראובן שימשעלעוויטש, האָט געביטן זיין נאָמען אויף שמשי; זיין ברודער האָט געביטן דעם נאָמען אויף ראובני און ער אַליין האָט זיך אָנגערופן לויט זיין פאָטערס נאָמען — בן־צבי). דאַן האָב איך עס געזען זיין טיפע נשמהדיקע באַציונג און פאַרערונג פאַרן חלוצישן ווערק.

אין יענער צייט האָט מען געוווּסט וועגן וואָלונטאַריזם. דאָס וואָרט „חלוציזם״ האָט נישט עקזיסטירט. נישט געווען קיין איין מענטש אין לאַנד, וואָס האָט זיך אָנגערופן חלוץ. קיינעם פון דער צווייטער עליה איז נישט איינגעפאַלן אָנצורופן זיך חלוצים. בייערט די, וואָס זענען געקומען פון גאַליציע — פון זייער מויל האָבן מיר דערהערט דאָס וואָרט חלוצים. נישט אין „הפועל הצעיר״ און נישט אין „אחדות העבודה״ האָט מען דערפונדן דעם באַגריף חלוצים. און מיר ווייזט זיך אויס, אַז די וואָס האָבן אים דערפונדן, זענען גאָר נישט געווען אַזעלכע גרויסע חלוצים. איך האָב אָבער געזען וואָס פאַר אַ וואָג ס׳האָט געהאַט ביי באַראַכאָוון די אַליין־פאַרווירקלעכונג. ווען ער זאָל נישט פּריצייטיק פאַרשניטן ווערן, וואָלט ער זוכה געווען אַליין אַהערצוקומען. אָבער איך האָב שוין געזאָגט, אַז ער האָט זוכה געווען דערצו, צו וואָס עס האָבן נישט זוכה געווען אַ סך אַנדערע פון די גרויסע מנהיגים. זיין משפחה געפינט זיך

על כל פנים אין לאַנד און זיי האָבן מיט זייער לעבן פאַרווירקלעכט דעם אידעאַל, וואָס האָט געברענט אין דער נשמה פון בער באָראָכאָוו, וועלכער איז געווען אַ חלוץ. און כאָטש איך האָב אויך פריער געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די גרויסקייט פון באָראָכאָוון, האָב איך דאַן ערשט דערזען ווי טיף ס'איז די פאַרשטענדעניש און די אויסטייטשונג אין זיין וויסנ־שאַפטלעכער פאַרש־אַרבעט, ווי טיף ס'איז דאָס נאַטירלעכע געפיל צום פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל, וואָס בלויז זיין פאַרווירקלעכונג שאַפט די ווערט פון אידעאַל און פונעם בעל־האידעאַל. דאָס האָט פאַר מיר באַ־לויכטן די פערזענלעכקייט. און נאָכמער האָב איך אים דערקענט אין אַמעריקע. כ'האָב געזען, אַז ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אידעאַל, כאָטש ער איז אַרויסגעטראָטן פונעם קאָנגרעס; ער האָט אָבער געלעבט אין אַמעריקע און האָט געזען, אַז ס'איז דאָ אַ נויטווענדיקייט פאַר אַ פאַראַלגעמיינערנדיקן אויסדרוק אין אָנבליק פון דער פאַרשטייענדיקער שלום־קאָנפערענץ, וואָס וועט אין אַ געוויסער מאָס דעצידירן וועגן גורל פון דער יידישער לאַגע אין גלות, ווי אויך די צוקונפט פון יידישן פאָלק, די רעכט פונעם יידישן פאָלק אויף זיין צוקונפט אינעם לאַנד. האָט ער זיך באַפרייט פון זיין דאָגמע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט זיצן צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע און איז געוואָרן אַ געטרייער קעמפער פאַר אַן אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס. און איך האָף, אַז זיינע אַרטיקלען אין דער פראַגע, וואָס האָבן אַ טיפע דערציערישע באַדייטונג, וועלן צעשטערן אַ סך פאַרקריפּלונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט אַרום די אידעען פון באָראָכאָוון; אַז די אַרטיקלען וועלן אויך זוכה זיין אָפּגע־דרוקט צו ווערן, ווי ס'האָט זוכה געווען דערווייל בלויז אַ קליינער טייל פון זיינע ווערק.

די יידישקייט פון באָראָכאָוון

נאָך איין זאַך: וועגן דער יידישקייט פון בער באָראָכאָוו. איך ווייס, אַז אין די קינדער־יאָרן האָט ער גערעדט יידיש, אָבער זיין דערציונג

און די היים־שפּראַך איז געווען פּוילישטענדיק אַ רוסישע; און אָט איז דער מענטש געוואָרן דער ערשטער אידעאָלאָג און פאָרשער אין דער וועלט — יעדנפאַלס דער ערשטער צווישן יידן — פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. און מיר איז נישט באַקאַנט נאָך אַזאַ פאַרטיפטע פאָרש־אַרבעט פון דער יידישער שפּראַך, ווי באָראָכאָווס פאָרש־אַרבעט וועגן יידיש און דער יידישער ליטעראַטור, בעיקר — אינעם לעבן פון די יידן אין גלות. פונדעסטוועגן האָב איך פון באָראָ־כאָוון נישט געהערט קיין שום טענה קעגן אונדז פאַרוואָס מיר, אין ארץ־ישראל, זענען אַזוי קנאיש פאַרן אויפלעבן די העברעישע שפּראַך. איך קאָן זיך איצט נישט געבוי דערמאָנען — אפשר וואָלט מיין חבר בן־צבי, וועלכער איז אים געווען נענטער, וואָלט געקאָנט עדות זאָגן וועגן דעם — אָבער באָראָכאָוו האָט די העברעישע שפּראַך אין ארץ־ישראל אָנגענומען ווי אַ שפּראַך. איך וואָג נישט פעסטצושטעלן עס מיט אַ זיכערקייט, אָבער איך ווייס עס, אַז ער איז קיינמאָל צו מיר נישט געקומען מיט קיין טענות, פאַרוואָס מיר זענען אַזעלכע קנאים פאַר דער העברעישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

ער האָט דורכויס געקאָנט אונטערשיידן די יידן פון גלות, דער עיקר פון דעם גלות, פון וועלכן ער איז אַרויס — דאָס מזרח־אייראָ־פּעישע יידנטום, וואָס יידיש איז געווען די שפּראַך, וועלכע האָט זיי פאַרבונדן. ער איז נישט געקומען אין באַרירונג מיט יידן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען אַראַביש, פּערסיש און אַ סך אַנדערע שפּראַכן. אוודאי איז דאָס אייראָפּעישע יידנטום, דער עיקר דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום, געווען דער צענטער פונעם יידישן פאָלק און מ׳האָט געקאָנט זיך דערווייטערן — כאָטש וויסנשאַפטלעך האָט מען זיך אויך דאָן נישט געטאָרט דערווייטערן — פון יענע שפּליטערן פונעם יידנטום אין אַנ־דערע לענדער, וואָס יידיש איז פאַר זיי אַ פרעמדע שפּראַך. גראָד ווי אונדז איז פרעמד אַראַביש, וואָס איז אין פאַרשידענע תקופות געווען די שפּראַך פון די גרויסע זין פון יידנטום, פון די גרויסע פילאָזאָפן —



פון אבן־גבירול ביז יהודה הלוי און דעם רמב״ם. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אים די פאָדערונג, אַז יידיש זאָל זיין די שפּראַך פונעם לאַנד.

ער האָט געוווסט ווי אָפּצושאַצן די ווערט פון מעשים און נישט בלויז פון רייד. און די ווערט פון דער צוגעבונדנקייט פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער, די צוגעבונדנקייט צו מעשים, צו רעאַליזירונג.

ער איז געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש און מיר האָבן נאָך דערוואַרט פון אים גרויסע זאַכן — סיי אין די ראַמען פון געדאַנק, סיי אין די ראַמען פון טאַט. איך בין איבערצייגט, אַז ווען מיר וואָלטן זוכה געווען ער זאָל לעבן אַ סך צענדליקער יאָרן אין לאַנד, וואָלט ער מסוגל געווען צו באַפרוכפּערן נישט בלויז אונדזער געדאַנק, נייערט אויך אונדזער ווערק. אָבער די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן און נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט אַמעריקע און האָט זיך צוריקגעקערט — און איך האַלט, אַז מיט רעכט — אין דעם גרויסן יידישן צענטער, קיין רוסלאַנד, איז ער פאַר־שניטן געוואָרן פאַר דער צייט.

איך וויל אונטערשטרייכן די גרויסע פאַרדינסטן פונעם פּרעזידענט פון דער מדינה, אונדזער טייערן חבר יצחק בן־צבי, וועלכער האָט זיך געוואָנדן צום פּרעזידענט פון ראַטן־פאַרבאַנד און געבעטן — היות, ווי מען הייבט איצט אָן צו ליקווידירן דעם קיעווער בית־הקברות — ער זאָל דערלויבן אַראָפּצוברענגען די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָ־ראָכאָוו קיין ישראל. די דאָזיקע דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן און די שטערבלעכע רעשטן זיינע זענען אַהערגעבראַכט געוואָרן אין דער באַגלייטונג פונעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

צום סוף וויל איך אויסדריקן די האָפענונג — און איך ווייס, אַז די האָפענונג האָט געפלאַמט אין באָראָכאָוון אַלע יאָרן — אַז מיר וועלן נאָך האָבן די זכיה צו זען ווי ס׳ווערן דערעפנט די טויערן און צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער לעבעדיקע רוסישע יידן וועלן זוכה

זיין צו קומען אין לאַנד אַריין. און איך בין איבערצייגט, אַז זיי וועלן מיט שטאָלץ טראָגן דעם אָנדענק פון דעם גרעסטן ברודער, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן דאָס רוסישע יידנטום — פון דעם מענטשן, וועלכן מיר באַגלייטן איצט צו זיין אייביקער רו אין כנרת.

דער לוויה־צוג

נאָך די הספדים אויפן פּלאַץ פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, איז דער אָרון אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין אַ געשפּאַנטער שטיל־קייט פון טרויער אויף אַן אָפענעם טענדער, אַ באַפּוצטן מיט בלומען, צו וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגעשלאָסן צענדליקער מאַשינען אין דעם לאַנגן לוויה־צוג, וואָס איז אַוועק פון תל־אביב קיין כנרת.

ווען דער לוויה־צוג, אין דער באַגלייטונג פון דער וועג־פּאָליצײ אויף מאָטאָציקלען, איז פאַרביי עפולה, האָבן דאָרט געוואַרט די פּאַר־שטייער פון דער שטאָט און די אַרומיקע ישובים. פון ביידע זייטן מרחביה־שאָסיי זענען געשטאַנען די מענטשן פון קיבוץ און פון מושב, וועלכע האָבן געטראָגן בלומען־קרענץ, ווי אויך נאַציאָנאַלע און קלאַסן־פענער. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע מינוט און ממשיך געווען דעם וועג קיין עין־חרוד.

דאָרט האָבן אָפּגעוואַרט דעם אָרון די חברים פון עין־חרוד און תל־יוסף, גבע און כפר־יחזקאל, ווי אויך די איבעריקע ישובים פון גלבוע, בכדי צו דערטיילן דעם לעצטן כבוד באַראַכאָוון.

12.30 בייטאָג איז דער אָרון אַריינגעטראָגן געוואָרן אין „אהלו״. ביים טויער פון אינסטיטוט אויפן נאָמען פון בערל כצנלסון איז דער אָרון אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון דער מאַשין אויף די פּלייצעס פון „הפועל״־גרופּעס. פאַרן אָרון זענען געגאַנגען: די אַלמנה, ליובע, דער זון דוד און די טאָכטער שושנה, די פרוי פונעם מדינה־פּרעזידענט רחל בן־צבי, מיניסטאָרן, דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, כנסת־דעפּוטאַטן און די אָנפירונג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

הינטערן אָרון האָבן מאַרשירט די טרעגער פון די קרענץ און נאָך

זיי — גרויסע דעלעגאַציעס פון ועד הפועל פון דער הסתדרות, אָרגאַ־ניזאַציעס און אינסטיטוציעס, דעלעגאַציעס פון די קיבוצים אין עמק הירדן. דער אָרון איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ שוואַרצן פּאָס־טומענט אויפן הויף פון „אהלו" און אַרום אים האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די באַגלייטער.

דאָ זענען מספּיד געווען דעם נפטר אָנפירנדיקע חברים פון די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. דער ערשטער איז מספּיד געווען יצחק טאַבענקין.

→ אויפן וועג קיין כנרת

יצחק טאבענקין / זיין געשטאלט איז פארוואנדלט געווארן אין א לעבנס־וועג

דער היינטיקער טאָג איז פאַר אונדז אַ יום־טוב, נישט קיין טרויער. ס׳זענען פאַרביי זעקס און פערציק יאָר זייט ס׳איז פון אונדז אַוועק בער באָראָכאָוו, אָבער דאָס איז נישט קיין טרויער, ווייל באָראָכאָוו איז נישט געשטאָרבן אין דעם טאָג ווען מ׳האָט אים מקבר געווען אין קיעוו.

זינט אַ גרויסע באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן: אַרבעטער, יונגע חלוצים, אַ פּאָליטישע באַוועגונג — איז צוזאַמען דערמיט געוואַקסן דער נאָמען, די פּערזענלעכקייט, די געשטאַלט. פון יענעם טאָג אָן אין קיעוו איז באָראָכאָוו געוואָרן אַ סימבאָל. ס׳איז נישט קיין טרויער, קיין טאָג פון טויט. דאָס איז אַ צוגאָב צום לעבן, ווערטן אין לעבן און אין לעבנס־שטייגער.

די געשטאַלט פון באָראָכאָוון איז אַ געשטאַלט פון איינעם פון די ערשטע אין דער אַרבעטס־באַוועגונג און אינעם ציוניזם, איינעם פון די ערשטע פונעם ציוניזם אין דעם לאַגער פון יידישער אַרבעט. ער האָט געהערט צו יענע, וואָס זיין געשטאַלט, פּערזענלעכקייט און לערע זענען געוואָקסן נישט בלויז אין די גרענעצן פון זיין גוף און נישט אין די גרענעצן פון זיינע ביכער. ער איז געווען איינער פון די געציילטע — און ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע צווישן די פאָלקס־פירער און פירער פון דער מענטשהייט — וואָס זיין געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־וועג, אין אַ סימבאָל פון אַ וועגווייזנדיקן געדאַנק. אַזאַ איז געווען באָראָכאָוו.

באָראָכאָוו געהערט צו די געציילטע, וואָס זיין לערע ווערט גערופן מיט זיין נאָמען „באָראָכאָוויזם". ס׳זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן אָנגעוויזן דרכים פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, וועלכע האָבן אַ סך אויפגעטון, אָבער בלויז אויפן נאָמען פון מאַרקסן ווערט

אָנגערופֿן זיין לערע „מאַרקסיזם״. דאָס זענען די מענטשן, וואָס זייער לעבנס־וועג און זייער לערע האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג, האָבן געהאַט אַ שטאַרקערן אויסדרוק און זענען געוואָרן אַ שם־דבר.

אין אונדזערע אויגן, אין די אויגן פֿון זיינע חברים און תּלמידים, איז באָראָכאָוו געווען דער מענטש פֿון פּראָגנאָז. ער האָט נביאות געזאָגט, אַז אַזאַ וועט זיין די צוקונפֿט פֿון גלות, אַז דאָ וועט זיין דער יידישער צענטער. דאָס איז דער גורל פֿון גלות — דאָ וועט זיין אַ יידישע קאָנצענטראַציע. ער האָט געזען ארץ־ישראל און אונדזער זעלבשטענדיקייט, ווי אַ נבואה, ווי אַ וויזיע — ווי אַ פּראָגנאָז. נישט קיין וויזיע, וואָס מען חלומט, נייערט אַ וויזיע, וואָס וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן.

זיין פּראָגנאָז איז מקויים געוואָרן. צו אונדזער צער איז אויך די נבואה וועגן פֿאַרלוסט פֿון גלות אויך מקויים געוואָרן. ס׳איז אויך מקויים געוואָרן די נבואה וועגן צענטער און וועגן דער קאָנצענטראַציע פֿון יידן.

אויב צו רעדן מיט טערמינען פֿון באָראָכאָוון — איז עס אַ לאַנד־קאָנצענטראַציע, אַ טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע. ס׳איז טאַקע פֿאַראַן בלויז דאָ אַ קאָנצענטראַציע פֿון אַ קליינעם חלק פֿון אונדזער פֿאָלק, אָבער דער פּראָגנאָז, אַז די יידישע סטיכיע, דער מעכטיקער כּוח פֿון ישראל, וועט זיך דאָ קאָנצענטרירן — איז מקויים געוואָרן. דאָס איז נישט קיין בלינדע סטיכיע. אויב ס׳איז דאָ אַ פּראָגנאָז פֿאַר דער דאָזיקער סטיכיע, — ווערן איר געגעבן אויגן, זי הייבט אָן צו זען. און באָראָכאָוו איז געוואָרן די אויגן פֿאַר דער גרויסער סטיכיע פֿון יידישן אומגליק, פֿון יידישער האָפֿנונג, פֿון ראַטעווען יידן און פֿון פֿאַרווירקלעכן די גאולה.

די לערע און דאָס לעבן פֿון באָראָכאָוון האָבן פֿאַרבונדן די האָפֿנונג פֿון פֿאָלק און די האָפֿנונג פֿון דער מענטשהייט מיט אַרבעט — מיט דער באַפֿרייענדיקער אַרבעט, מיט דער וועגווייזנדיקער אַרבעט. אויך אין דעם איז געווען אַ פּראָגנאָז — דער אויפֿבלי פֿון כּוח, דאָס ווערן פֿון אַן אַרבעטנדיק פֿאָלק אין לאַנד.

באַראַכאָוויסטן זענען פאַראַן נישט בלויז אין די דריי אַרבעטער־פאַרטייען אין לאַנד, וועלכע זענען אין אים אַ דערציער און וועגווייזער. ס׳זענען פאַראַן אַ סך מומחים פאַר זיין לערע, וועלכע ווייסן, וואָס זי סימבאָליזירט — און זי סימבאָליזירט דאָס פאַרלירן די האָפנונג פאַרן גלות, דאָס פאַרלירן די יוסטקייט פונעם „בעל־הבית״ אין דער וועלט און דעם פּראָגנאָז: די צוקונפט פונעם פאָלק איז אינעם לאַנד און אין יידישער אַרבעט.

מיר דוכט זיך, אַז אַזאַ איז דער אָרון, וועלכן מיר ברענגען היינט אַהער מיט כבוד און פאַרערונג. אַזאַ איז דער טאָג.

באַראַכאָוו רעדט צו אונדז מיט זיין לעבנס־וועג, מיט זיין לערע, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע תלמידים און דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם ווערק, וואָס אַ סך בינדן עס צונויף מיט דעם דאָזיקן נאָמען, מיט דעם דאָזיקן פּראָגנאָז. נישט ווייניק באַראַכאָוויסטן, זיינע תלמידים און פריינד, זענען געשטאָרבן אין וועג, זענען געשטאָרבן אין סיביר, זענען געשטאָרבן דאָ אין לאַנד. אָבער אַ סך, וואָס זענען געקומען אין זיין נאָמען, לעבן מיט זיין נאָמען און זענען ממשיך זיין דרך. ער איז תמיד אַ קול־קורא — אַ קול־קורא צו טריישאַפט, צום קיום פון דעם דאָזיקן פאָלק און צום געראַנגל פאַרן קיום.

ער איז געבליבן דער סימבאָל פון ציוניזם אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אויך אין אָנבליק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אין לאַגער פון די, וואָס זענען עולה געוועזן און די, וואָס זענען נישט עולה געוועזן, אָבער פאַרבליבן געטריי דעם ציונזים אין ליכט פון דעם דאָזיקן נאָמען. ער איז געוועזן געטריי דעם ציוניזם.

ס׳איז געוועזן אַ וויכוח וועגן פּרינציפּיעלן ציון, פּראַקטישן ציון און פּראָגנאָסטישן ציון. באַראַכאָוו האָט ליב־געהאַט דאָס דאָזיקע לאַנד פּרינציפּיעל, פּראַקטיש און פּראָגנאָסטיש: ווי אַווירקלעכקייט, ווי אַ פאַרגאַנגענהייט און אַ וויזיע.

אַ גוטע טאַט און אַ האָפנונג־טראַגנדיקע

דער ראַטן־פאַרבאַנד סימבאָליזירט נישט בלויז געאָגראַפיע און נישט בלויז פאָלק, נייערט אויך אַ וועג. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט — ווי יעדע רעאַליזירנדיקע באַוועגונג — אַ סך זינד און אַ סך מעשׂים טובים. צווישן די מעשׂים טובים וועט פאַרגעדענקט ווערן די אונטער־שטיצונג, וועלכע ס׳האָט געגעבן דער פאָרזיצער פון אויבערשטן סאָ־וויעט, ברעזשניעוו און דער אַמבאַסאַדאָר באַדראַוו, דער בקשה פון באַראַכאָווס משפחה — די פרוי, טאָכטער און זון — וועגן אַריבערפירן אַהער דעם אָרון פון קיעוו קיין כנרת. דאָס איז אַ גוטע טאַט און ס׳וועט פאַרגעדענקט ווערן ווי אַ גוטע טאַט, ווייל אין דעם איז אויך פאַראַן אַ האָפנונג און טרייסט פאַר דער צוקונפט, פאַר דער צוקונפט פון די רו־סישע יידן. דאָס איז אַ גרויסער יידישער שבט, וואָס איינער פון זייבע גרויסע אַנטפלעקונגען איז געווען באַראָכאָוו.

דער אָרון איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישׂראל אַ דאַנק דער ווענדונג פונעם ראש פון דער מדינה ישׂראל, דעם פּרעזידענט פון דער מדינה. און ווען ס׳וואָלט נישט עקזיסטירט די מדינה — ווייס איך נישט צי ס׳וואָלט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט, אַז באַראָכאָוו זאָל רעדן צו די יידן פון כנרת. און ער וועט רעדן פון דאַנען צו די יידן פון גאָר דער וועלט.

די מדינה ישׂראל איז בלויז דער אָנהויב פון דער סטיכישער עליה. און דער פּראָגנאָז, דאָס דאָזיקע פּאָרויסזען פון דער באַדייטונג פונעם לאַנד ווי אַ צענטראַליזאַציע פון אונדזער צוקונפטיקן קיום — דאָס איז געווען דער יסוד פאַרן ווערן פון דער דאָזיקער מדינה און פאַר איר עקזיסטענץ.

פון קיעוו, פון פּאָלטאַווע, איז באַראָכאָוו געבראַכט געוואָרן צום כנרת; פון אַ שכנות מיטן „באַבי־יאַר״, צו דער שכנות מיט נחמן סירקין — פון די ערשטע וואָרטזאָגער פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן — צו דער

שכנות מיט בערל כצנלסון און בן־ציון ישראלי און מיט די דינאַמישע כוחות, וואָס ווייזן אַ וועג דער יידישער סטיכיע.

איך זע ווי באָראָכאָוו רופט און וואָרנט פונעם בית־עולם אין כנרת. זיין שטים הערט זיך איצט אַ סך בעסער, ווי ווען ער איז געווען באַערדיקט אין קיעוו. פון דאָנען שרייט ער צו די יידן — די רוסיקע, די זעלבצופרידענע, די געמיטלעכע — צו די יידן פון אַמעריקע, פון דרום־אַפריקע, צו די יידן פון גלות. ער איז אַ קול־קורא! זיין פּראָגנאָז פאַר אייראָפּע, פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אייראָפּע, פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע אין אייראָפּע — איז מקויים געוואָרן אויף אַ שוידערלעכן אופן אַ סך שטאַרקער, ווי ער האָט פאָרויסגעזאָגט. דער פּראָגנאָז פאַרן יידישן בעל־הבית, פאַרן זאָטן יידן, איז נישט בעסער, איז נישט מער צוזאָגנדיק: פאַר די דאָזיקע איז אַפילו דאָס סאָוויעטישע רוסלאַנד נישט געווען קיין פאָטערלאַנד, וואָס לעזט די יידן־פּראַגע. קיין שום לאַנד וועט עס נישט זיין, נייערט איינציק און אַליין אַ טעריטאָריאַלע קאָנ־צענטראַציע אין גייסט פון באָראָכאָוון — אַ טעריטאָריאַלע קאָנצענ־טראַציע אין אונדזער לאַנד.

ס'איז געווען אַ ייד, אַ חבר פון דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג — די ערשטע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס יידישע וועלט־באַוועגונג — כתריאל האָט ער געהייסן, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אַרגענטינע און ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין יענעם לאַנד. באָראָכאָוו האָט אָנגעשריבן אַ קריטיש אַרטיקל וועגן דעם בוך און האָט עס אָנגערופן: „איך באַשולדיק..." די באַשולדי־קונג איז נישט געווען וועגן דער אומפעיקייט פון יידן צום באַזעצן זיך אויפן לאַנד, קעגן דער אוממעגלעכקייט צו שאַפן אַ יידישן פויער. ער האָט געהאַט פאַר זייַנע אויגן אונדזער ארץ־ישראלדיקע יידישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע באַוועגונג. אויך אין אַרגענטינע האָבן די יידן אַרויס־געוויזן אַ פעיקייט צו ערד־אַרבעט, אָבער דאָס אַלץ איז נישט אונדזערס. דאָס איז דער גורל פון אַ סך. ווי האָט געזאָגט רחל? — דער גורל

פון אַ סך, וואָס קאָנען מיט זייער לייב און זייערע אויגן נישט דער־גרייכן זייער ציל:

דער מענטש פון נבו * — איבער די ברייטקייטן פון לאַנד.

פון נבו — קיין כנרת!

נאָך יצחק טאַבענקין האָט מספיד געווען יעקב עמית.

---

* משה רבנו.

יעקב עמית / א לערער און קעמפער

פאַר אַ סך, וואָס שטייען דאָ היינט ביים אָרון פון בער באָראָכאָוו, איז געווען דער צוזאַמענטרעף מיט אים אַ לעבעדיקן — אַ טיפע פערזענלעכע איבערלעבונג. אָבער פאַר די קינדער פון מיין דור, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו קענען באָראָכאָוון פּנים־אל־פּנים, איז געווען דער צוזאַמענטרעף מיט אים בעיקר פון אַ אידעיש־גייסטיקן כאַראַקטער. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער רוסישער רעוואָלוציע זענען מיר נאָך געווען יינגלעך — אין צווישנצייט זענען מיר אויך אַלט געוואָרן — און מיר האָבן דאַן אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן דער שטאַרקער שטרעבונג צו יידיש־נאַציאָנאַלער גאולה און צווישן די נישט־וויניקער מעכטיקע לאָקערונגען צו אַ מענטשלעך־סאָציאַלער באַפרייונג.

נישט איינמאָל זענען מיר געוואָרן צעטומלט און געפרעגט זיך אַליין: צי איז נישט פאַראַן אַ טיפער תהום צווישן די ביידע? און אויב ס'איז יאָ אַ תהום — ווי אַזוי וועלן מיר פאַרוואַרפן אַ בריק איבערן תהום? און אָט האָט דערגרייכט צו אונדז די בשורה פון באָראָכאָווס לערע און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין איר. און גאַר גיך איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונג אין יעדן פאָלק — און ביי אַ פאָלק אָן אַ פאָטערלאַנד, ווי אונדזערס, נאָכמער — גייען האַנט ביי האַנט. נאָכמער: דאָס יידישע פאָלק קאָן נישט סאָציאַל דערלייזט ווערן, ביז עס וועט זיך נישט שאַפן אויפסניי אַ סטראַטעגישע באַזע, אַ באָדן, אַ טעריטאָריע אונטער די פיס. אין אָנבליק פון די רעוואָלוציע־לאָקערונגען, וואָס האָבן צו אונדז געווונקען פון דער נאָענט און געדראָט מיטצורייסן אינעם אַלגעמיינעם שטראָם ביזן פאַרלירן דעם חוש פון אונדזער זעלבשטענדיקייט און באַוווסטזיין פון אונדזער זיין, האָט אונדז באָראָכאָווס לערע געדינט ווי אַ מויער און ווי אַ וואַך־טורעם.

עס האָט אונדז נישט געפעלט קיין ליבע צום פאָלק און אַ טיף ייִדיש געפיל. מיר האָבן עס איינגעזאַפּט מיט דער מוטערס מילך פון ייִדישן שטייגער, וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט אין די שטעטלעך פון אוקראַינע, רוסלאַנד און ליטע. אָבער מיר זענען געוואַקסן אין אַ דור, וואָס האָט געגלויבט מער, ווי דער איצטיקער דור — דער דור פון „רעאַליזאַציע" — אין דעם כוח פון אַ לערע. מיר האָבן געוואָלט צופּעס־טיקן אונדזער ציוניסטישן גלויבן צו די יסודות פון אַ קלאָרן און איבער־צייגנדיקן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז. און אין באָראָכאָוון האָבן מיר געפונען דעם מענטשן, וועלכער האָט אונדז געגעבן די וויסנשאַפטלעך־מאַרקסיסטישע באַגרינדונג צום סאָציאַליסטישן ציוניזם. אונדזער סך־ביעקטיוון גלויבן האָט ער אויסגעפורעמט אין די אייזערנע ראַמען פון אָביעקטיווע לאָגישע באַווייזן.

מער ווי פינף און פערציק יאָר זענען פאַרביי זינט בער באָראָכאָוו איז באַערדיקט געוואָרן אויפן בית הקברות אין קיעוו. אין דער נאָענט דאָרט איז ביזן סוף מקויים געוואָרן זיין שווידערנדיקער פּראָגנאָז. אין שכנות מיט אים, אין ברודער־קברים, איז באַגראָבן געוואָרן דאָס געביין פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קרבנות פונעם נאַצישן קאַטאַק־ליזם, וואָס האָט נישט אויסגעמיטן אויך דעם גרויסן ייִדישן קיבוץ אינעם ראַטן־פאַרבאַנד. זייער עוולה האָט זיך איצט נישט לאַנג אָנגענומען אַ יונגער רוסישער דיכטער אין זיין באַקאַנט ליד „באַבי־יאַר". פון יענער סביבה, וואָס איז נאָך אַלץ פול מיט ייִדן, איבערבלייבענישן פונעם קאַ־טאַקליזם, זענען צוגענומען געוואָרן די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָראָכאָוון און געבראַכט געוואָרן אין לאַנד אַריין. מיר זעען אין דעם אַן אויסדרוק פון גוטן ווילן מצד דער סאָוויעטישער מאַכט, אָבער גלייכ־צייטיק קאָנען מיר נישט פאַרגעסן, אַז זיינע ברידער ייִדן אין קיעוו איז נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו קומען געזעגנען זיך מיט זייער גרויסן וויזיאָנער.

איבערן קבר פון בער באָראָכאָוו איז פאַרביי דאָס לעבן מיט זיינע

שטורעמס, דאָס לעבן און זיינע ענדערונגען. פון 1917 ביזן יאָר 1963 זענען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט אַן אַ שיעור נסיונות. מיר האָבן געהאַט שוידערן און אַנטוישונגען און מיר האָבן דערלעבט צו גרויסע און איבעראַשנדיקע זאַכן. איצט קאָנען מיר שוין פעסטשטעלן, אַז אין די לעבנס־שטורעמס און ענדערונגען האָבן די וויכטיקסטע עלעמענטן פון באַראָכאָווס לערע אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און זייער אמתדיקייט האָט זיך באַוויזן אין אַלע באַדינגונגען און אַלע רעזשימען. מיט אַ פּאָר־שידנאַרטיקער מאָס פון שאַרפקייט שווימט אַרויס די יידן־פּראַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ס׳האָט אָבער אַנטוישט דער ריינער גלויבן, וואָס האָט געלעבט אין אַ סך ביים באַגין פון די רעוואָלוציע־טעג, אַז די יידן־פּראַגע איז בלויז אַ ירושה פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם — זי וועט זיך אַליין פון זיך לעזן מיטן כוח פון פּראָגרעס. פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס און רעזשימען צעטיילן היינט די וועלט — און פוןביידע זייטן פון די שייד־ליניעס עקזיסטירט ווייטער די יידן־פּראַגע און די באַראָכאָווישע געזעצמעסיקייט גיט אירע צייכנס אין דער יידישער ווירקלעכקייט — כאָטש די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָט זיך שטאַרק געענדערט צווישן ביידע וועלט־מלחמות און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער שווערפּונקט פון דער יידישער געשיכטע

ווען מען וואָלט מיך געפרעגט ווי אַזוי איך וואָלט על רגל אחת באַצייכנט באַראָכאָווס לערע, וואָלט איך געזאָגט: זי האָט אַנטדעקט און פאָרמולירט דעם שווערפּונקט פון דער יידישער געשיכטע. דאָס געזעץ פונעם אימפּעראַטיוו פאַר אַ טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פונעם יידישן פאָלק מיט זיינע קלאַסן האָט באַראָכאָוו אַרויסגעדרונגען פון דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער אַנאָמאַליע פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. אין דעם כסדרדיקן צוזאַמענשטויס צווישן דעם אַסימילירנדיקן פאַקטאָר און דעם איזאָלירנדיקן, האָט געזיגט דער איזאָלירנדיקער פאַקטאָר. דאָס געזעץ איז כלומרשט געווען חל בלויז אויף

דער באַזיצנדיקער געזעלשאַפט — די סאָציאַליסטישע האָט ערשט אָנ־געהויבן צו שפּראָצן ביים סוף פון באַראָכאָווס קורץ לעבן. אָבער אין זכות פון זיין גאוניש אינטואיציע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן גלויבן אין אַן אויטאָמאַטישער לעזונג פון דער יידן־פראַגע אינעם פּראָצעס פון רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם. ס׳איז, וואָס אַן אמת, שווער געווען צו טראַכטן — וואָס מיר וויסן היינט אויף זיכער — אַז אויך ביים שאַפן פון דער סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט וועט דאָס יידישע לעבן זיין באַגלייט מיט צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אַסימילירנדיקן און איזאָלירנדיקן פאַקטאָר. אָבער אין זיין פינצטערן פּראָגנאָז האָט באַראָכאָוו פאָרויסגעזען, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם וועט נישט פאַרשווינדן נאָכן פּאָליטישן נצחון פונעם סאָציאַליזם. איצט ווערט קלאָר, אַז די וואָרצלען פונעם פּראָבלעם שטעקן נישט בלויז אין דעם אָפּגעשטאַנענעם איבערבוי, נייערט אויך אין די פונדאַמענטן פונעם פּראָצעס אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט.

די שטערבלעכע רעשטן פון בער באָראָכאָוו באַערדיקן מיר אין דעם באָדן פון כנרת ערב דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דערמאָנען מיר ווידער דעם אָנדענק פון יענע טראַ־גישע און דערהויבענע טעג. און דער אָנדענק פון דער פאַרגאַנגענהייט איז פאַרבונדן מיט די דאגות פון דער קעגנוואַרט. פון דער וועלט זעען נאָך נישט פאַרשווונדן די פּרוּוון צו פאַרניכטן אונדז אַלס פאָלק. אין די איצטיקע טעג באַווייזן זיי זיך ווידער פון דער נאָענט ווי אַ קאָנקרעטע דראָונג פאַר דעם שלום פון ישראל, פאַר אונדזער זיכער־קייט. אויפן פאָן פון קאַטאַקליזם, וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט אין די יאָרן פון דער נאַציִשער הערשאַפט אין אייראָפּע, לייענען זיך היינט ווי אַ נבואה בער באָראָכאָווס ווערטער אין „אונדזער פּלאַטפאָרם”: „אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט עקזיסטירן דער באַזיצנדיקער רעזשים, וועלן די פינצטערסטע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט, ד.ה. דאָס קליין־ביר־גערטום און דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, נישט אויפהערן צו פּרוּוון לעזן

די יידן־פראַגע אויך מיט די פריער־דערמאָנטע ווילדע און אַנטי־געזעל־שאַפטלעכע מיטלען („פּאָגראָמען און אַנדערע פּרימיטיווע ווילדע רע־אַקציעס").

צו אונדזער ווייטיק האָבן מיר אויפן גוף פון אונדזער פאָלק און פון זיין היסטאָרישער דערפאַרונג געלערנט, אַז סכנות פון אַנטיסעמיטישע רעצידיוון עקזיסטירן אויך אין אַ רעזשים, וואָס איז באַפרייט פון פּריוואַט־אייגנטום. דער אַסימילירנדיקער פאַקטאָר און דער איזאָלירנ־דיקער פאַקטאָר ווירקן אין אים אין אַ געמיש און שאַפן דעם פאָן פאַר אַ יידן־פּראָבלעם אויך אין די לענדער, וואָס לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן בנין פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג.

מיר לעבן איצט אין אַ תקופה, אין וועלכער עס פאַרשטאַרקן זיך די סטיכישע פּראָצעסן אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. גלותן ווערן ליקווי־דירט איינס נאָכן אַנדערן, צוליב דער רעטונג־עליה פון די לענדער פון נויט און אונטערדריקונג. אויך אינעם לעבן פון לאַנד ווערן פאַרשטאַרקט די סטיכישע פּראָצעסן — און ס'איז נייטיק איצט אַ צוגאַנג אינעם גייסט פון באָראָכאָווישן צוזאַמענבונד, כדי צו באַהערשן די פּראָצעסן און לענקען זיי אין די קאָריטעס פון אויפבוי און חלוציש־סאָציאַליסטישן שאַפן. איצט, מער ווי ווען עס איז פריער, איז אונדז נייטיק דער גע־טרייער צוזאַמענבונד צווישן דעם קלאַסן־קאַמף פונעם אַרבעטער און זיין שעפערישער, זעלבשטענדיקער חלוצישער איניציאַטיוו.

אָפּגעבנדיק היינט כבוד דעם אָנדענק פון בער באָראָכאָוו; ברענ־גנדיק זיינע שטערבלעכע רעשטן צו זייער אייביקער רו אינעם באָדן פון כנרת, קומען מיר נישט בלויז צו באַצאָלן דעם חוב דער רומפולער פאַר־גאַנגענהייט פון אַ גרויסן מענטשן, אַ לערער און אַ קעמפער, דעם פאָטער און באַגייסטערער פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ישראל. נאָך אַביסל וועט די ערד צודעקן די שטערבלעכע רעשטן פון דעם מענטשן, אָבער מיר וועלן געדענקען און דערמאָנען: די יידישע געשיכטע האָט נישט צוגעדעקט פאַר אונדז זיינע אמתן, זיין לערע —



די לערע פון סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אמתן. דאָ, ביי די ברעגן פון כנרת, וועלן מיר אים אַוועקשטעלן אַן אָנדענק־מצבה און צו איר — ווי אַן עדות פון זיין לערע — זאָל קיינמאָל נישט פאַרוואַקסן ווערן דער וועג מיט גראָז. קומט, לאָמיר גיין מיט דעם וועג. לאָמיר פירן מיט אים די מאַסן פון פאָלק, פון דער יוגנט, באַלויכטן דורכן לערער און דורך זיין לערע.

דער לעצטער איז מספיד געווען באַראָכאָוון זלמן שזר, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער פאָרזיצער פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אַראָפּצו־ברענגען די ערדישע רעשטן פונעם פאַרשטאָרבענעם און בלויז אייניקע וואָכן שפּעטער איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אויף דעם העכסטן אַמט אין ישראל: געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער מדינה. מיט אַ טיף־גערירטער שטים האָט ז. שזר אַרויסגעזאָגט זיין עסיי וועגן דעם פריינד פון זיין יוגנט, זיין גרויסן לערער.

← אויפן בית־עולם אין כנרת

זלמן שזר / א זעלטענע יידישע גרניאַליטעט

מיר ווייזט זיך אויס, אַז אין דעם מאָמענט הערט אונדז אין די טיפעניש פון אונדזערע הערצער די פראַכט פונעם באַגין פון אונדזער באַוועגונג, די פראַכט פונעם באַגין פון דער קליינער גרופע, וואָס איר לערער — דעם אָרון פון וועלכן מיר האָבן היינט אַהערגעבראַכט — האָט צונויפגעקליבן אַרום זיך, באַוואָפנט מיט זיין כלי־זין און אויסגעהאָדעוועט זיי כדי זיי זאָלן גיין צווישן פאָלק, פרעדיקן צווישן פאָלק און אויפהייבן דאָס פאָלק אָקעגן זיין גורל.

מיר ווייזט זיך אויס, אַז ווער ס'האָט נישט איבערגעלעבט יענע תקופה פון ערשטן צוזאַמענטרעף פון די ערשטע אין דער באַוועגונג מיט דעם לערער — איז אַ ספק צי ער וועט קאָנען אויפלעבן אין זיין האַרצן יענע פראַכט און די ברכה, וואָס איז אין איר געווען פאַרבאָרגן און האָט נישט אויפגעהערט, כל זמן יענע תלמידים זיינען לעבן דאָ מיט אונדז.

ס'איז דאַן געשען אַ נס, אַן איינציקער אין זיין מין — איך זע עס שטענדיק ווי איינס פון די גרויסע וואונדער פון אונדזער באַוועגונג, וואָס נישט יעדע באַפרייונגס־באַוועגונג פון פעלקער און באַוועגונגען בכלל אין אונדזער פאָלק זענען זוכה דערצו — אַז אין שפיץ פון יענער קליינער אויפגעשטורעמטער מחנה האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ מענטש מיט פענאָמענאַלע פעיקייטן, מיט אַ ריזיקן וויסן, מיט אויסערגעוויינלעכע אינטעלעקטועלע מעגלעכקייטן, וואָס בלויז ער אַליין האָט געקאָנט פאַר יענעם דור פלאַסטערן אַ וועג אין די פאַרפלאָנטערטע אויפגאַבעס, וואָס זענען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן.

אין דעם גרויסן וויכוח פון דור — ווי נשתומם האָט מען געמוזט ווערן מיט דער גרויסקייט פון דעם יידישן מוח, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ביים צוזאַמענטרעף מיט אים!

די ערשטע זאַך, וואָס באַראַכאָוו האָט אָנגעשריבן — און וואָס דעם חודש איז געוואָרן זעכציק יאָר זינט זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן — איז געווען זיין ערשטער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער עסיי. די אַרבעט איז געווען אַ פאָרשונג און באַשרייבונג פונעם כאַראַקטער פון יידישער גאונות. און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאַן איז אונדז געגעבן געוואָרן נישט בלויז אַ פאָרש־אַרבעט וועגן יידישער גאונות, נייערט אַ מוסטער און ביישפיל פון אַ פענאָמענאַלן גאון, וואָס האָט געוווסט ווי זיך צו באַנוצן מיטן גאַנצן וויסנשאַפטלעכן געווער, וואָס דער דור האָט דערמיט באַוואָפנט זיינע פאָרשער, און וועלכער האָט געוווסט דאָס אַלץ צוזאַמענשטעלן אין דינסט פון דער שטרעבונג, דער שטרעבונג פון אונדזער לעבן און האָט אונדז צוזאַמענגענומען אַרום זיך, אפילו די יונגע צווישן די יונגע.

אויסער דער געניאַליטעט, דער זעלטענער אינטעלעקטועלער גרויס־אַנהייב פון זיין דערשיינען. אָבער אויך איך בין געווען אַן עדות פון זיין ערשטן צוזאַמענטרעף מיט אַ שטאָט פון אַ יידישער מאַסן־באַפעל־קערונג, פון יידישע אַרבעטער, פון מאַסן וואָס האָבן גערעדט יידיש, אויף וועלכע ער האָט געלייגט אַלע זיינע האָפנונגען — און דאָס דאַן, ווען ס׳איז שווער געווען ביי אונדז זיך צו מאַכן גלויבן אין די מאַסן, אַז זיי וועלן עס זיין די טרעגער פון דער יידישער רעוואָלוציע.

אויסער דער געניאַליטעט, דער זעלטענער אינטעלעקטועלער גרויס־קייט, האָט אונדז איבעראַשט זיין וווּנדערלעכע פלייס, זיין גרויסע התמדה — צו די מעגלעכקייטן פון אַן עילוי און אַ חריף — צו באַהערשן דעם מאַטעריאַל אין די טעג, אָוונטן, נעכט; צו לערנען און לערנען זיך, פאָרשן, פאַרשטיין און געבן אונדז צו פאַרשטיין. ער האָט אונדז באַשאָנקען מיט ידיעות, צו וועלכע מיר זענען נישט געווען געוווינט אין אַנדערער באַוועגונגען. מיר האָבן אים געזען ווי אַ רבין און געלערנטן און פירער, ווייל ער איז געווען אַ רבי און געלערנטער. דאָס איז געווען די מעכטיקע מתנה, וואָס ער האָט געגעבן אונדזער באַוועגונג — די פע־

נאָמענאַלקייט פון זיין וווּנדערלעכער פערזענלעכקייט.

און צוזאַמען מיט דעם האָבן מיר געקאָנט אָפּשאַצן די לויטערקייט פון זיין פערזענלעכקייט, זיין גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט, זיין דינען אונדזער יונגער באַוועגונג אָן אַן אָפּהאַלט, לעבנדיק ווי אַ נזיר, אין אָרעמקייט, אין דער גרעסטער באַשיידנקייט, אין ליבע צו חברים, מיט אַ גלויבן אין דער צוקונפט, מיט גרענעצלאָזער ליבע צו דער זאַך.

מיר האָבן אים געזען ווי דעם מוסטער־מענטש צווישן אונדז און מיר האָבן אים געקרוינט פאַר אַ רבין — אָן וואַלן און אָן אַ פאָרויסיקער באַשטימונג; מיט דער קראַפט פון זיין מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן אויטאָריטעט איז ער געוואָרן פאַר אונדז אַ בר־סמכא, קעגן וועלכן מען אַפּעלירט נישט.

די זיכערקייט, אַז אונדזער ווילן וועט רעאַליזירט ווערן און די כלים פאַר דער אָרגאַניזאַציע

מיט צוויי זאַכן האָט ער אונדז באַשאָנקען. קודם־כל האָט ער אונדז באַשאָנקען, מיט אַ ספּעציעלער זאַך, וואָס האָט דאָן געפעלט אונדזער דור. אונדזער איצטיקער דור, וואָס האָט געזען ישראל אין אויפקום, דאַרף עס נישט און וועט נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גליק ס׳איז געווען פאַר אונדז יענע מתנה: ער האָט אונדז באַשאָנקען מיטן באַוווסטזיין פון דער זיכערקייט, אַז דאָס, צו וואָס מיר שטרעבן, וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן זיידן — אייער זיידן, מיין זיידן — איז געווען: ווען ער האָט גערעדט וועגן דער צוקונפט פון ישראל, וועגן דער גאולה פון ישראל, אפילו ווען ער האָט געזען, אַז די גאַנצע ווירקלעכקייט, לויט אירע אַנטפּלעקונגען, באַווייזט נישט קיין סימנים דערפון — האָט ער מיט אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט געוווּסט, דאָס וועט געשען, אַז ישראל וועט באַפרייט ווערן. אָבער זינט ס׳האָט זיך אָפּגעטון פון אונדז דעם זיידנס שכינה, האָבן מיר פאַרלוירן — מיט אונדזער

גאַנצן גריבלען זיך און קענען די פּראָצעסן — האָבן מיר פאַרלוירן די זיכערקייט, אַז אונדזער ווילן וועט פאַרווירקלעכט ווערן. און מיר האָבן דאַן געלעבט אין אַ תקופה, ווען די גאַנצע איבערקערעניש אַרום אונדז איז געווען געשטיצט אויף דער דאָזיקער היסטאָרישער זיכערקייט און דעם מוז פון דער פאַרווירקלעכונג. דערמיט האָט אונדז באַשאַנקען באָראָכאָוו. ער האָט אונדז אויפסגיי באַשאַנקען מיט דער זיכערקייט פון אונדזער ציוניסטישן גלויבן. מיט דעם איז ער געווען דער איינציקער אין זיין דור.

דערנאָך זענען שוין געקומען די טאָטן גופא. און כדי אָנצוצינדן די הערצער זיי זאָלן טון די דאָזיקע טאָטן — איז נייטיק געווען אַ באַנייונג פון יענעם גלויבן, מיט וועלכן באָראָכאָוו האָט אונדז באַשאַנקען. ער האָט אונדז געגעבן די כלי. הערצל האָט נישט אַנטדעקט דעם ציוניזם — ער האָט עקזיסטירט אַ סך פאַר אים. אויך באָראָכאָוו האָט נישט אַנטדעקט דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם — ער האָט עקזיסטירט אַ סך פאַר אים. אָט דאָרט, אויפן בית־עלמין, שטייען מצבות, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם. אָבער ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער באַנייונג פון דער זיכערקייט אין דער אויפגאַבע, צו וועלכער ס'האָבן געלעכצט אונדזערע נשמות — האָט ער אונדז געגעבן די כלים פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע.

באָראָכאָוו האָט צוזאַמען מיט אַ הייפל פון זיינע חברים און מיט דעם גרויסן חבר, דעם פּרעזידענט פון דער מדינה ישראל — ער זאָל מאריך ימים זיין אין גוטן געזונט — אויפגעבויט פאַר אונדז דעם אָנהויב פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער כלי פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין רוסלאַנד און דערנאָך איז ער געווען דער, וועלכער האָט אויסגעבויט די ערשטע גרויסע אַלוועלטלעכע כלי פונעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז מיר זענען איבערראַשט געוואָרן פון זיין אַרבעטס־פלייס, וואָס האָט אויך שטענדיק פאַרשטאַרקט די זיכערקייט אין די פאַרש־מעגלעכקייטן זיינע. אַמאָל בין איך זוכה געווען אַרויס־

צוגעבן פון זיין כתב־יד אַ וווּנדערלעכע אויסגאַבע אין דער געשיכטע פון פאָרשן די יידישע עקאָנאָמיק. דאָס העפט האָט געהייסן: „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן". כ׳וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. פאַר מיינע אויגן זענען געווען די טאַבעלעס, דיאַגראַמעס און צאָלרייכע צייכנונגען. דאָס אַלץ האָט ער אויסגעבויט אויפן יסוד פון פּרעסע־אויסשניטן, פראַגמענטן פון בריוו, אינפאָרמאַציעס פון קהילות און אינפאָרמאַציעס פון פאַרטיי־אָפּטיילונגען וועגן קליינטשיקע שטרייקן פון פינף און פון דריי אַרבעטער — אינפאָרמאַציעס אין משך פון פינף יאָר פונעם גאַנצן יידישן תחום המושב. מיט מוראַזשקעס־פלייס האָט ער צונויפגעקליבן די אַלע אינפאָרמאַציעס, געסדרט, קאַטאַלאָגירט און אַנאַליזירט זיי לויט די סיבות און רעזולטאַטן, לויט דער גרויס פון שטרייק און די שטויס־קראַפט דערפון; ער האָט אַרויסגעדרונגען דערפון — וואָס דער אַרבעטער האָט געוואָסן פונעם שטרייק און וואָס דער אַר־בעטס־געבער. דאָס אַלץ האָט ער אויסגעבויט אין אַ פאָרש־אַרבעט, כדי אונדז צו געבן אַ בילד פון דער אומגליקלעכער און פאַרשאָלטענער באַזע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; כדי אָנצוצינדן אין אונ־דזערע הערצער דעם ווילן צו שאַפן אַן אַנדער באַזע און צו קעמפן פאַר אונדזער שטרעבונג.

איידלקייט פון גייסט

אַזוי ווי ער האָט אונדז איבעראַשט מיט זיין אַרבעטס־פלייס און דער רייכקייט פון פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפטיקט — אַזוי האָבן מיר שטאָלצירט, נישט רעדנדיק וועגן דעם, מיט דער ריינקייט פון זיינע מידות, מיט זיין לעבנס־שטייגער, מיט דער לויטער־קייט פון זיין כאַראַקטער, מיט דער איידלקייט פון זיין גייסט, מיט דעם תלמיד־חכם, וואָס איז אין אים געווען. אַלץ, וואָס מיר האָבן געוווּסט וועגן חכמים און תלמידי חכמים — דאָס אַלץ איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין נשמה.

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען דערוויילט געוואָרן דורך אים און אַז אין אונדזער שפּיץ שטייט נישט קיין געוויינלעכער מענטש, וואָס זיין השפּעה איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַלע גלותן, ווו ס׳האָט געווירקט אונדזער באַוועגונג: קודם כל אויף רוסלאַנד און דערנאָך אויף ליטע, פּוילן, עסטרייך, שווייץ, בעלגיע, איטאַליע און די פּאַרייניקטע שטאַטן — אין די אַלע לענדער איז געווען אָפּגעהיט זיין גאָב און פאַרשפּרייט זיין גרויסע עשירות. און מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז אָוועקגע־שטעלט געוואָרן אין דינסט פון די מאַסן פון אונדזער פאָלק, ווייל אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צו רעאַליזירן די שליחות פון דערלייזן דאָס פאָלק און דערלייזן דעם מענטשן אין פאָלק.

ווי דערהויבן איז געווען די שליחות, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן אַרבעטס־מענטש אין פאָלק! ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט דאָס שאַפן פון דעם דאָזיקן אַרבעטס־מענטש; ווי ער האָט כסדר געפאָרשט די וועגן פון זיין געראַנגל, ווי ער האָט זיך געגרויסט מיט דער פראַכט פון דער שליחות פונעם אַרבעטס־מענטש; ווי ער האָט געגלויבט, אַז די אַרבעטנדיקע האַנט אין דעם לאַנד וועט עס דורכפירן די זאַך פון פאָלקס גאולה!

וווּנדערלעך איז געווען זיין גלויבן אין דער ליבע פון דעם דאָזיקן פאָלק צו דעם דאָזיקן לאַנד. ער האָט עס באַגרינדעט און געגעבן אונדז סיי די באַרעכטיקונג, סיי די זיכערקייט, וואָס האָבן אויסגעשטראַלט פון זיין גאַנצער פערזענלעכקייט.

זיין פאָטער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען באַראָכאָוו איז געווען אַ ייִנגל, איז ער אַנטלאָפן פון שול. ער האָט געזאָגט, אַז ער אַנטלויפט קיין ארץ־ישראל און מען האָט אים געפונען אויף עפּעס אַ באַן־סטאַציע און אומגעקערט אַ היים צו די עלטערן.

איר האָט געהערט פון אונדזער חבר בן־גוריון, וועלכער האָט דער ציילט, אַז אין די צייטן פון אוגאַנדאַ האָט זיך באָראָכאָוו אַריינגעוואָרפן אין קאַמף, ווען ס׳האָט געדראָט אַ וועלכע ס׳איז סכנה דעם פּרימאַט פון

ארץ־ישראל. ער האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז „דער פּאַלעסטיניזם איז פּערמאַנענט". ער האָט עס נישט זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן, אָבער מיר האָבן דאָך יאָ געזען ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דאָזיקע סטיכישע מאַסן־עלייה, וואָס איז געקומען נאָך אַלע פּאַרדרייעַנישן פון אונדזער גורל — אַזוי ווי ס'האָט נביאות געזאָגט און פּאָרויסגעזאָגט דער פאָרשער און דער פירער.

היינט הויבן מיר אַרויס דעם מאַן פון דער „פּלאַטפאָרמע" אויף אונדזער היסטאָרישער פּלאַטפאָרמע, פון וועלכער ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן די היסטאָרישע אויפגאַבע פון אונדזער פאָלק צווישן די פעלקער.

אַ האַר פון געדאַנק איז ער געווען און אין זיין געדאַנק האָט ער געזען די היסטאָרישע פּלאַטפאָרם, וואָס זיינע חברים און תלמידים און די תלמידים פון די תלמידים האָבן צוגעגרייט אין לאַנד — „נאַשאַ" (אונדזער) לויט דער פאַרגאַנגענהייט, „נאַשאַ" לויט דער רעאַליטעט, „נאַשאַ" אין אַ סוווערענער מדינה.

דער לערער אין לאַנד פון זיינע תלמידים

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישע זאַך איז געווען אין אונדזער לאַגער ווען ער איז נאָך געווען אין אונדזער מיט. קליין איז געווען אונדזער לאַגער, נישט באַוואָפנט, אָבער אין דער נשמה און אין דער ליבע צווישן חברים זיינע, נישט געקוקט אויף אַלע חילוקי דעות, וואָס זענען געווען צווישן אונדז — איז ער געווען אייניק, צונויפגעבונדן, צונויפגעשלאָסן אַרום דער אידעע און דער שטרעבונג.

פאַראַן צייטן — אפילו נאָך די פּילצאָליקע שפּאַלטונגען ביי אונדז, אַפילו וואָס זייט ער איז אַוועק פון אונדז, איז ער געוואָרן דאָס איי־גנטום פון אַלע און דאָך זענען אַלע צעשפּרייט און אינערלעך גע־שפּאָלטן — פאַראַן צייטן, ווען ווי ס'וואָלט זיך אויפסניי אָנגעצונדן אָט דער דאָזיקער פאַרייניקנדיקער פלאַם, ווי ער איז געווען אין באַגין, איידער מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס הייסט די קללה פון שפּאַלטונג.

ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק, ווען מיר האָבן געפּייערט דעם אויפֿ־שטאַנד פֿון אונדזערע חברים אין וואַרשעווער געטאָ, זענען מיר אַלע געשטאַנען — די געשפּאָלטענע, צעברעקלטע, וואָס פֿרעסן זיך איינער דעם אַנדערן — זענען מיר געשטאַנען פֿאַרייניקט ביי דער גרויסקייט פֿון דעם אָנדענק און אין דער ראָל פֿון אויפֿשטאַנד, וואָס האָט אונדז אַלע דערהויבן. און זייט דריי טעג, זינט ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער לערער קומט אָן אינעם לאַנד פֿון זיינע תּלמידים, האָבן מיר געזען די גרויסע אָנערקענונג, וואָס פֿליסט פֿון אַלע זייטן, איבער אַלע מחיצות און איבער אַלע שפּאַלטונגען. און ווער ס׳האָט געוואָלט זען — דער האָט געזען ווי אַזוי עס שטראָמט אויפֿסניי פֿון טיפֿן האַרצן די שטרעבונג און ווי אַזוי זי פֿאַרוואַנדלט זיך אין דעם פֿאַרייניקנדיקן פֿלאַם, ווי זי איז געווען אין זיינע צייטן. און זאָל געשען, אַז די אָנערקענונג זאָל אונדז קאָנען געבן אילוזיעס און דערהויבענע אָנדענק־טעג, ווי אויך כּוח מקיים צו זיין די אילוזיעס אין טאָגטעגלעכן לעבן.

נאָך אַ סך און נאָך אַ סך יאָרן וועט מען לערנען זיין לערע — אַפֿילו ווען ס׳וועלן זיך שטאַרק בייטן די באַדינגונגען. היינט, ווען מיר האָבן אַהערגעבראַכט דעם אָרון פֿון דער שטאָט קיעוו, קאָן איך נישט פֿאַרגעסן וואָס דער דאָזיקער סימבאָל זאָגט אונדזערע יונגע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן דאָרט, הינטער דער מויער און זיי האָבן נישט קיין אַנדערע פֿאַרגלייכן מיט וואָס זיך צו שטאַרקן.

זייט קיעוו איז אָפּגעשניטן געוואָרן פֿונעם גוף פֿון פֿאָלק און ס׳זענען איבערגעריסן געוואָרן די פֿאַרבינדונגען צווישן אונדז, איז דער דאָזיקער קבֿר געווען פֿאַר אַ סך יונגע און די געטרייע צו דער יוגנט צווישן דעם וווּנדערלעכן יידישן פֿאָלק, וואָס וווינט דאָרט — אַ סימבאָל פֿון שטאַר־קער געטריישאַפֿט צום יידנטום און צו ציון. די איצטיקע בשׂורה איז אַ סימבאָל פֿאַר די ברידער אינעם לאַנד פֿון זיין גאולה. די אלמנה און די קינדער האָבן פֿאַרלאַנגט, די רעגירונג איז זיי אַנטקעגנגעקומען. ס׳זענען דאָ מעגלעכקייטן אַנטקעגנצוקומען, אויב ס׳זענען פֿאַראַן אויפֿריכטיקע

פאַרלאַנגען. און די האָפענונג איז ווי אַ צייכן פאַר מער געטריישאַפט, מער פאַרייניקונג און מער וואָרצלדיקייט פאַר אַלע פאַרוואָגלטע ברידער אונדזערע דאָרט.

זאָל געטרייסט ווערן די טייערע טרויערנדיקע משפחה, ווייל איר פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן! זאָלן געבענטשט ווערן די געטרייע ברידער, וועלכע האָבן אָפּגעהיט און זיך געמיט כדי דורכצופירן דאָס דאָזיקע אַראָפּברענגען! זאָל געבענטשט ווערן כנרת, וואָס נעמט אויף דעם דאָזיקן טייערן און זעלטענעם אוצר!

שוין נישט איינמאָל האָבן מיר אויף דעם בית־עולם איבערגעלאָזט אונדזערע טייערע אוצרות. אין זיין באַרואיקנדיקן טרויער ווערט גאָר נישט פאַרפאַלן — אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט וועגן דעם בית־עולם. וועלן מיר דאָ איבערלאָזן דעם טייערן אָרון. אים איבערגעבן דאָ צום אָפּהיטן און ווי אַן ערן־וואַך וועט שטיין די קבוצה כנרת איבער דעם אוצר, וואָס די גאַנצע באַוועגונג האָט איבערגעגעבן אין אירע הענט.

און ס׳וועט זיין אין יענעם גרויסן טאָג, ווען ס׳וועלן אַהערקומען מאַסן אויך פון יענעם לאַנד, וואָס איצט איז עס פאַרשלאָסן — און זיי וועלן קומען מאַסנווייז — וועלן מיר עולה זיין צו דעם אָרון, בענטשן זיך מיט אים און וויסן צוליב וואָס מיר האָבן אים אַראָפּגעבראַכט אין דעם דאָזיקן פּאַנטעאָן, וואָס ווערט און וואַקסט אין כנרת.

זאָל זיין רו זיין באַהאַלטן אין קנופּ פון אונדזער אויפלעבונג און זאָל אים די ערד גרינג זיין!

צו דער אייביקער רו

עס האָבן זיך געענדיקט די הספדים. ווידער איז דער אָרון אויפגעהויבן געוואָרן אויף די פּלייצעס פון די מלווים. און אַוועק זיין לעצטן וועג. דער לויה־צוג איז אַרויס פונעם הויף פון „אהלו" און האָט זיך געלאָזט דורכן היסטאָרישן בית־ירח לענגויס דעם כנרת־ברעג, ביזן דרומדיקן טויער פון בית־עולם, וואָס איז שוין געוואָרן דער פּאַנטעאָן פאַר די גדולים פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קבר פון בער באָראָכאָוו איז אויסגעגראָבן געוואָרן ביי די קברים פון משה העס, נחמן סירקין און בערל כצנלסון — די דריי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס צוויי פון זיי זענען אַפילו מקדים געווען דעם פאָרשטאָרבענעם ביים לייגן די ווינקלשטיינער צום ווערק פון אויפלעבן דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

אין שטילשווייגן איז דער אָרון אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין קבר אַריין. דער פּרעמיער־מיניסטער ד. בן־גוריון האָט אַראָפּגעשאָטן די ערשטע לאָפּאַטע ערד, נאָך אים — די משפּחה־מיטגלידער און אַנדערע מלווים. דער זון פונעם פאַרשטאָרבענעם, דוד באָראָכאָוו, האָט געזאָגט קדיש און מיט אַ געפיל פון דערהויבנקייט צוליבן דערפילן אַ נשמה־באַגער, האָבן די מלווים צוביסלעך אין שטילקייט פאַרלאָזט דעם אַלטן בית־עולם פון דער קבוצה כנרת.

אין אַ פאַרצייכנונג, וואָס איז אַ וואָך שפּעטער געדרוקט געווען אין „דבר", האָט באָראָכאָווס אַלמנה, ליובא, געשריבן:

„ערשט איצט, נאָך 45 יאָר, האָסטו זיך צוריקגעקערט, באָריא, קיין ישראל. האָסט זיך צוריקגעקערט אינעם לאַנד, וועגן וועלכן דו האָסט געחלומט פון קינדווייז אָן. האָסט זיך צוריקגעקערט אויך צו

סאציאליסטישע יידישע קולטור,
אין פאלעסטינע —
דאס איז „באראכאוויזם".
1917—1881
(פועלי - ציון)

אונדז, צו דיין ליובא און דיינע אייניקלעך. איצט ביסטו, באַריאַ, שטענדיק מיט מיר. ביסט שטענדיק נישט מיט מיר און שטענדיק מיט מיר, ווי תמיד.

איצט ביסטו נישט אין קיעוו, איצט ביסטו אין כנרת.

איך וועל לויבן דעם הימל און די ערד, וואָס דו ביסט אין ישראל!"

→ די מצבה אויף באַראַכאָווס קבר פונעם קיעווער בית־הקברות

י. זרובבל / פאלטאווע-קיעוו-כנרת

מיינע ערשטע שריט אין באַפרייטן רוסלאַנד האָב איך געמאַכט דעם 18־טן דעצעמבער 1917, געציילטע וואָכן נאָכן נצחון פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. כ׳האָב נאַרוואַס געהאַט פאַרלאָזן די גרענעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און אויף דער שוועל פון דער אַרבעטער־מדינה, וואָס האָט געוואָלט אָנצייכנען אַ נייע ווענדונג פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, האָט מיך דערשלאָגן די איוב־בשורה פון קיעוו: נעכטן איז באָראָכאָוו נפטר געוואָרן.

איך האָב גלייך באַשלאָסן אָראָפּצופאָרן קיין קיעוו. כ׳האָב אינגאַנצן פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט און רו. ערשט מיט איייניקע חדשים צוריק, אין מיטן יולי, בין איך צוזאַמען מיט באָראָכאָוון אַרויסגעפאָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין רוסלאַנד, אויפן רוף פון אונדזער פּאַרטיי — די פּועלי־ציון פּאַרטיי — וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אונטערערד. אין די באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אַנטפּלעקט ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן געגלויבט, אַז אין די דערגרייכונגען פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע וועט מען אויך געפינען אַ גינציק אויער פאַרן מונטערן קול פון דער יידישער רעוואָלוציע.

אויפן וועג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אין שטאָקהאָלם, וווּ מיר האָבן רעפּרעזענטירט דעם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון פאַרן האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן שלום־קאָמיטעט און באָראָכאָוו האָט פאָרמולירט דעם ארץ־ישראלדיקן פּונקט אין די שלום־פאָדערונגען פונעם וועלט־פאַרבאַנד.

באָראָכאָוו איז אַריבער קיין רוסלאַנד. לויט אַ באַפעל פון צפון־מערבדיקן מיליטערישן שטאַב האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש צו באַטייליקן זיך אין דער לעגאַלער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין קיעוו, אין דער צייט ווען פאַר מיר האָבן זיך געעפנט די טויערן פון רוסלאַנד ערשט נאָכן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

צו פאָרן צו דער לוויה איז שוין צו שפּעט געווען. דאָך האָב איך געפילט, אַז איך מוז פאָרן אַהין, אָוועקשטעלן זיך ביים קבר פון לערער און פריינד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ דעציידירנדיקע השפעה אויף מיין גייסטיקן לעבנס־גאַנג. דווקא איצט, אין דער שטורמישער סטיכיע פון דער רעוואָלוציע, האָב איך זיך מער ווי ווען עס איז נישט געגויטיקט אין אַ וועגווייזער פון ליכט, וואָס עס האָט אויסגעשטראַלט פון זיך די פּער־זענלעכקייט פונעם פּאָלטאַווער גאון.

✶

כ׳האָב אים באַקענט, ווי מיינעם אַ לאַנדסמאַן, נאָך אין דער יוגנט, אין יאָר 1905. אַלע האָבן אין דער לופט פאַרויסגעפילט דעם שטורעם, וואָס איז אָנגעקומען. די יוגנט האָט געברויזט. דיסקוסיעס טאָג און נאַכט. מען מוחט זיך איבער גרויסע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, מען פאָרשט פּראַגן פון פילאָזאָפיע און קונסט. וואָס איז דער זין פון לעבן? וואָס איז די באַשטימונג פון מענטשן אין דער וועלט? וווהין פירט די באַזונדערקייט פון יידישן שטעג? און אין צענטער פון דער פאַראינטערעסירונג — דער יונגער פילאָזאָף באָריאַ באָראָכאָוו. אַ חריף און בקי. פול מיט וויסן. זיינע אויספירן שמידן צו די צוהערער, עפענען אויגן, אַנטפּלעקן האָריזאָנטן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר זענען געוואָרן חברים פון איין פּאַרטיי. באָראָכאָוו ווערט דער לערער פון טעאָריע און דער וועג־ווייזער. אָט דערשיינט זיין פילאָזאָפישער חיבור „וועגן כאַראַקטער פון יידישער גאונות" און גלייך נאָכדעם — אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער פאָרמולירט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, די „קלאַסן־יסודות פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם".

מיט דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ, וואָס האָט געלייגט די פונדאַ־מענטן פאַר דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, האָט באָראָכאָוו זוכה געווען צו שאַפן דאָס אָריגינעלע מוסטער־ווערק פון סאָציאַליסטישן ציוניזם „אונ־דזער פּלאַטפאָרם". דאָס איז אַן אומפאַרגעסלעך קאַפּיטל אין דער ביאָ־גראַפיע. באָראָכאָוו האָט געשריבן די אַרבעט פאַר דער צייטונג „יעור־

רעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ". ער האָט זי געשאַפן אין רעדאַקציע־צימער, אַרומגערינגלט מיט חברים, וועלכע זענען אין די צענדליקער געקומען פון דער פּראָווינץ כדי צו וואַרפן אַ בליק אויף באַראַכאָוון, אין וועמען זיי האָבן דערפילט דעם לערער, וואָס וועט זיי אויפקלערן די פּלאָנטערן פון דער צייט און וועלכער איז אַלעמען ליב־געוואָרן ווי אַ באָענטער און צוגעלאָזענער חבר. שעהן־לאַנג פלעג איך טראָגן די בלעט־לעך, באַרוואָס אָנגעשריבן מיט זיין דייטלעכער, זיכערער און שיינער האַנטשריפט, אין דער דרוקעריי און כ׳פלעג פון דאָרט נעמען די קאָרעקטעס, וועלכע זענען נאָך נאַס געווען פון פאַרב. דעם וועג פון דער דרוקעריי אין רעדאַקציע האָב איך דורכגעמאַכט אַ פאַרטיפטער אין לייענען די פּרקים פון דער פּועלי־ציון לערע, וואָס איז פאָרמולירט גע־וואָרן און געוואַקסן פאַר מיינע אויגן. איך האָב אויסדריקלעך געפילט, ווי עס עפענען זיך מיר די אויגן און איך זע זאַכן, וואָס זענען ביז איצט פאַר מיר געווען פאַרהוילן און מיין מוח הייבט אָן אויפצונעמען דערשיי־נונגען, וואָס ביז איצט האָב איך זיי נישט פאַרשטאַנען.

אין „אונדזער פּלאַטפאָרם" איז געווען אַ קוואַל פון אַנטפּלעקונגען, וואָס האָבן געמאַכט פאַרשטיין די סיבות און גורמים, וואָס זייער השפעה ווירקט זיך אויס אויף די פּראָצעסן פון דער יידישער געשיכטע. און ווען באַראָכאָוו האָט אויפגעוויזן די סיבות און באַוועג־קרעפטן — האָט ער שוין געקאָנט דערגיין צו אַלע נייטיקע מסקנות און געבן די ראַדיקאַלע תשובה פאַרן יידישן פּראָבלעם — דאָס אויפשטעלן אַ יידישע סאָציאַ־ליסטישע מדינה אין ארץ־ישראל; איר אויפבוי, אַנטוויקלונג און אויס־פאָרמירונג.

און אָט איז באַראָכאָוו אַרעסטירט געוואָרן. פון אונטער די תפיסה־קראַטעס האָט ער מיר איבערגעשיקט אַ צעטל, וואָס האָט באַשטימט דעם גורל פון מיין לעבן: ער האָט מיר געהייסן צוויילן זיך אין פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטאָט, פאַרלאָזן מיין מאַמעס הויז און אַריבערפירן די פּאַרטיי־טעטיקייט קיין ווילנע, דער יידישער מאַסן־שטאָט, אַ צענטר פון

זייער קולטור, ווּ עס ברויזט זייער שפּראַך — יידיש — און פאַרלייגן דאָרט אַ פּאַרטיי־צייטונג אין דער דאָזיקער שפּראַך „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק".

✶

ווילנע, מינסק, קראָקע, ווין — פּרשהס, פּרשהס, בעת וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעברייטערט די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי און בּאָראָכאָווס לערע האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין די מאַסן. די קאָנפערענץ אין האַג, אויף וועלכער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון און אויף וועלכער באָראָכאָוו איז געוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונעם ערשטן יידישן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד, וואָס האָט גלייך נאָכדעם געשאַפן דעם ערשטן פינאַנס־אַפּאַראַט פון יידישע אַרבעטער פאַר ארץ־ישראל — דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד (קופּת פּועלים ארץ־ישרא־לית — קפּא"י).

יאָרן פאַרגייען. אין רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט באָראָכאָוו פאַרוואָרפן קיין אַמעריקע און דאָרט פאַרענדיקט ער זיין גרונטיק ווערק „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק", ווּ ער שטיצט זיך אויף אַריסטאָ, וועלכער מאַכט אַן אונטערשיד צווישן צוויי מינים פּרנסות: פּרנסה פון דער נאַטור און פּרנסה פון מענטשן. באָראָכאָוו שטעלט פעסט, אַז יידן לעבן בלויז פון דער פּרנסה פון מענטשן, אין אונטערשיד צו אַנדערע פעלקער, וואָס דער עיקר פון זייער פּרנסה איז פון דער נאַטור. די מסקנה: „די יידישע עקאָנאָמיק איז פאַר־משפּט צו זיין אָפּגעשטאַנען און די יידישע קולטור איז פאַרמשפּט צו זיין נישט גענוג אַנטוויקלט און דער פּאָליטישער גורל פונעם פאָלק ישראל — אַן אָפּגעשניטענער פון דער ערד, דערווייטערטער פון ערש־טיקע פּראָדוקציע־פּראָצעסן". אָבער באָראָכאָוו זעט אויך, ווי אַזוי ס׳קומט פאַר צווישן די יידן פאַמעלעכדיק אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציע — אַן איבערגאַנג צו שעפערישער אַרבעט, אַ מער נאָענטער צו דער נאַטור.

באָראָכאָוו רעסומירט: „דער ציוניזם איז אַ לאָגיש און נאַטירלעך

קינד פון דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע... די סביבה פון גלות איז צו ענג און נישט באַקוועם פאַר אַזאַ דעצידירנדיקער סטרוקטור־ענדערונג... דער ציוניזם איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס איז בכוח צו זייען דאָס ליכט פון באַוווסטזיין, פון שיטה און פּלאַן. דער ציוניזם איז אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישער מוז פאַרן יידישן פאָלק".

נאָך אין ווין איז באָראָכאָוו נתגלה געוואָרן אויף אַן אַנדער געביט — פילאָלאָגיע — ווי דער גרונטלייגער פאַרן וויסן פון דער יידישער שפּראַך. גאָר גיך האָט ער באַקומען זיין רום אין דער וועלט פון פאָרשער, וועלכע האָבן געזען אין אים אַ וועג־פלאַסטערער אויף דעם פאַרנאַכלעסיקטן פעלד. ווי אַ וויסנשאַפטלער האָט ער אָנגעהויבן איינצופירן אַן אָרדנונג אין דער וויסנשאַפט פון דער יידישער שפּראַך. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — צו פאַרוואַנדלען יידיש אין אַ נאַציאָנאַלער און הומאַנער שפּראַך. „ווי אַזוי אַ נאַציאָנאַלע? — דורכן אויסרייניקן און באַרייכערן זי גלייכצייטיק. ווי אַזוי אַ הומאַנע? — דורכן פאַרוואַנדלען זי אין אַ כלי־זין, וואָס זאָל געבן אין רשות פון יידישן פאָלק אַלע קולטור־ווערטן פון דער גייסטער מענטשלעכער אַנטוויקלונג".

אין די צייטן פון „שפּראַכן־קאַמף" האָט באָראָכאָוו געשריבן: „מיר פאַרלאַנגען איצט אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין די שאַפונג פון יידישן גייסט, פאַר די יידן, אין יידישן נאַציאָנאַלן לשון". און ער שטרייכט אונטער אויך: „גלייכע רעכט האָבן זיי — אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וועלכע פאַרבינדן און פאַראייניקן דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור אין איין גאַנצקייט, סיי אין צייט, סיי אין אָרט... העברעיש פאַרבינדט אונדז אין איין היסטאָרישער פערזענלעכקייט אויפן געביט פון צייט, און יידיש — אויפן געביט פון אָרט". ער האָט געפּרוווט, לויט זיינע רייד, מקיים צו זיין אַ קיבוץ גלויות פון דער יידישער ליטעראַטור,„אויסצוגעפינען און צו באַצאָלן אירע חובות, אָפּצודריקן די כתב־ידן, ווי אויך די אַלטע געדרוקטע ביכער".

אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט באָראָכאָוו צום ערשטן מאָל דער־

לעבט אַ גוטע מאַטעריעלע לאַגע מיט זיין פאַמיליע, אַ באַליבטער פון אַלע — סיי אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי צווישן די שרייבער און פאַרשער. דאָך האָט ער זיך נישט געוואַקלט אַנצונעמען די איינלאַדונג פון זיין פראַטיי אין באַפרייטן רוסלאַנד און איז אין אַ געפערלעכער צייט געפאָרן דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן מיט זיין קליין טעכטערל און מיט זיין פרוי, וועלכע איז דאַן געווען שוואַנגער. דערפאַר איז טאַקע זיין פאַמיליע שפעטער פאַרבליבן אין שטאָקהאָלם. באַקומענדיק פון מיר אַ טעלעגראַמע וועגן געבוירן ווערן פונעם זון, דוד, האָט ער באַוויזן זיך אומצוקערן פון דער גרענעץ ביז נאָכן „ברית" און ער האָט גלייך ווייטער ממשיך געווען זיין וועג קיין רוסלאַנד.

✶

איך בין אָנגעקומען קיין קיעוו צו דער טרויער־אַקאַדעמיע אין דער שבעה נאָך באַראָכאָווס טויט. מיין האַרץ האָט אין מיר געוויינט — וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטענער גורל! מיין גאַנץ לעבן בין איך געגאַנגען מיט אים און דווקא אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה, וואָס האָט געשיינט מיט איר רעוואָלוציאָנערער פראַכט, בין איך געבליבן אַליין, פאַריתומט. מיין ביטערער גורל: דער ערשטער אַרויסטריט מיינער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ הספד איבער באַראָכאָוון, מיין לערער און רבין אין לעבן.

זעקס און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען ביים שטאַרבן. אינמיטן פון אויפבלי, ביים אָנהייב פון אַ נייעם וועג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אינעם לעבן פון יידישן פאָלק.

דאָס זענען געווען די סאַמע פרילינג־טעג פון סאָוויעטישן אָקטאָבער און קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, ווי אַזוי ס'וועט אויסזען זיין אַנטוויקלונג־וועג. אַ דערשלאָגענער האָב איך זיך יענעם יאָר צע־שיידט מיטן קבר פונעם לערער און איך בין אַרויס איבער די יידישע תפוצות מיט די לוחות, וועלכע באַראָכאָוו האָט איבערגעגעבן אונדז, זיינע תלמידים־יורשים.

באַך פינף און פערציק האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו און איך זוך דעם טייערסטן מיר מענטשן אויפן בית־עלמין אין לוקיאַ־נאָווקע. כ׳האָב אַ שליחות: איבערצוגעבן אים אַ באַריכט וועגן די יאָרן, וואָס זענען פאַרביי, זינט איך בין געשטאַנען ביי זיין פרישן קבר אין טאָג פון דער שבעה.

דער בית־עלמין אין לוקיאַנאָווקע ווערט ליקווידירט. מ׳באַנוצט זיך שוין נישט מיט אים און נישטאָ דאָ קיין ייד, וואָס זאָל מיר אָנווייזן אויפן אָרט, ווו מ׳האָט אים מקבר געווען. די מצבות זענען צעשטערט, די וועגן פאַרוואָרלאָזט. בלויז דאָ און דאָרט פאַנגט די אויגן די פיל־פאַרביקייט פון אַ מאַרמור. עס שרייט ממש די שרעקלעכע פאַרוואָר־לאָזטקייט פונעם בית־עלמין. נישטאָ ווער ס׳זאָל זאָרגן פאַר די קברים און פאַר די מצבות. נישטאָ ווער ס׳זאָל אויסנוצן די דערלויבעניש פון דער מאַכט אַריבערצופירן פון דאָרט די מצבות און די עצמות פון די מתים אויפן נייעם בית־עלמין.

מיר גייען אַרום, קוקן זיך איין אין די מצבות, כאַפּן זיך אָן אין די פאַרמעקטע אותיות פון אונטערן מאָך, קראַצן אַראָפּ דעם שימל פון יאָרן — אפשר וועט אונדז פאָרט געלינגען צו געפינען זיין קבר. צום סוף אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די אויפשריפט אויף טונקעלן מאַרמור:

בער באָראָכאָוו

זאָלאָטאָנאָשע 1881; קיעוו — 1917.

דאָ, הייסט עס, רוען די שטערבלעכע רעשטן פונעם לערער.

אונטערגעשריבן: פאַרטיי פּועלי־ציון. פון צוויי זייטן (די מצבה איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אויפגעשטעלט, איצט אָבער ליגט זי אויף דער ערד — זי איז אומגעפאַלן, אָדער מ׳האָט זי אומגעוואָרפן) אַרומגענומען מיט אַ רעמל, זענען אויסגעקריצט אויפשריפטן. איין אויפשריפט — אַז דער יידישער קאָמוניסטישער געדאַנק שמידט ווייטער די „גאָלדענע

קייט״ פונעם באָראָכאָוויזם. די צווייטע אויפשריפט איבערראַשט אונדז מיטן דרייסטן צילן צום ציל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. און אָט איז זי:

וויסנשאַפטלעכער יידישער סאָציאַליזם,
סאָציאַליסטישע יידישע קולטור,
יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט
אין פּאַלעסטינע —
דאָס איז „באָראָכאָוויזם״.

איך בין געשטאַנען אַ דערוואַכטער און געפילט, אַז פון דאַנען ציט זיך ביזן היינטיקן טאָג אַ לעבנס־כוח, וואָס פילט אָן הערצער און מוחות פון תלמידים און חסידים, וועלכע גייען אין די וועגן פון באָראָכאָוון און רעאַליזירן זיין לערע, אין דער צייט ווען ער העלפט זיי צו געפינען אַ זין אין זייער היסטאָרישן געראַנגל.

ס׳זענען פאַרביי פינף און פערציק יאָר. אין משך פון דער צייט האָט דער „אָקטאָבער״ זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן גורם, וואָס פרוווט מיטן כוח פון הונדערטער מיליאָנען צו ענדערן דאָס פנים פון דער וועלט און צו באַפעסטיקן די דעצידירנדיקע באַדייטונג פונעם אַרבעטנדיקן מענטשן אויפן ערד־קיילעך.

און איבערן יידישן פאָלק איז אין משך פון די יאָרן אַריבער די שוי־דערלעכסטע תקופה אין אונדזער מאַרטיראָלאָגיע. פון דער קליינער צאָל האָט דאָס פאָלק פאַרלוירן זעקס מיליאָן און בלויז אַ קליינער חלק האָט מצליח געווען מיט מסירת־נפש און קידוש השם אויפצושטעלן אַ זעלבּ־שטענדיקע מדינה ישראל, ווי באָראָכאָוו האָט עס פאָרויסגעזען אין זיין נביאישער וויזיע. און די מדינה מאָביליזירט פעיקייטן כדי בייצושטייערן זיך מיט איר חלק אינעם אוצר פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען מיליאָנען יידן נישט אויפגעבויט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע. פאַרקערט — זיי זענען דאָרט מער צעברעקלט

פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און מער צעטרייסלט פון סאָציאַלן שטאַנד־פּונקט. צעזייטע און צעשפּרייטע, אָן אַ נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע, אָן סאָציאַלע ווערטן, נישט געקוקט אויף דעם מעכטיקן סאָציאַלן פּראָגרעס אין דער גאַנצער סאָוויעטישער מדינה.

די יידישע קולטור — נאָך איר פּרעכטיקן אויפבלי אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע — איז דערשטיקט; די יידיש ליטעראַטור — אין יידיש און אַוודאי שוין אויף העברעיש — איז אַכזריותדיק פּאַרטיליקט. און באַראָכאָווס תלמידים, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין די ספּעציעלע באַראָכאָוו־באַטאַליאָנען בעתן קאַמף פאַרן „אָקטאָבער" — האָבן מיט זייער קרבן אַפילו נישט דערגרייכט דאָס עלעמענטאַרע רעכט אויף אַ לעגאַלן אופן צו שטרעבן צו אַ יידישער מדינה און צו שטאָלצירן מיט אירע דערגרייכונגען.

די מעכטיקע אָקטאָבער־כוואַליעס האָבן אַראָפּגעשווענקט אַלע רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס. ווי ס׳וואָלט, כביכול, מעגלעך געווען צו לעזן אויף אַ מעכאַנישן אופן דאָס יידישע פּראָבלעם, גרינגשעצנדיק זיין ספּעציפישקייט.

און אין אַלע תפוצות ישראל ווערט פאַרשאַרפט דאָס יידישע פּראָבלעם און באַראָכאָווס לערע דערשיינט דווקא איצט אין איר גאַנצער לעבנס־פעיקייט און אַקטועלקייט. דער דינער שטראָם פון עלייה קיין ארץ־ישראל מיט זעכציק יאָר צוריק, איז געוואַקסן און אויסגעברייטערט זיך און „אָביעקטיווע פּראָצעסן" האָבן געבראַכט און ברענגען ווייטער אַ סטיכישע מאַסן־עלייה, ווייל ס׳איז מקויים געוואָרן זיין פּאָרויסזאָגונג און אין לאַנד איז געשאַפן געוואָרן די סטראַטעגישע באַזע פאַרן געראַנגל פונעם יידישן אַרבעטער. אַ פעסטע באַזע, אַ סטאַבילע. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט מצליח געווען צו שלאָגן טיפע וואָרצלען אין אַלע צווייגן פון אַרבעט — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופטן. דערפון נעמט זיך אויך זיין השפעה אויפן אויספאָרמירן דעם כאַראַקטער פון דער מדינה און פון דער נייער געזעלשאַפט אין איר.

בער באראכאוו
1917-1881
(פועלי-ציון)
פונעם באראכאוויזם.

ער האט אויסגעלערנט
זיין פאלק שרייבן
די ערשטע זאך פאר יעדן
איבער זיין אייגענער שפראך

בין איך געשטאַנען ביים קבר פון לערער און געוווסט דאָן אויף זיכער, אַז זיין גייסט לעבט אין אַלע תפוצות און באַלעבט די בויער פון דער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל, פאַר וועלכער ער האָט אָנגעצייכנט, מיט נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס, דעם ציל און דעם היסטאָרישן וועג.

✶

3־טער אַפּריל 1963.

אייערנעכטן האָב איך זיך אומגעקערט פון רוים, ווי אַ חבר פון דער דעלעגאַציע פונעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַרן אַריבערפירן די שטערבלעכע רעשטן פון באָראָכאָוון. היינט זענען געקומען טויזנטער מלווה צו זיין דעם אָרון קיין כנרת, ווו ער איז באַערדיקט געוואָרן אינעם באָדן פון פאָרטערלאַנד. אויף דעם לאַנגן וועג פון לוויה־צוג — פון תל־אָביב קיין כנרת — האָב איך זיך אויפסניי איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ צוג פון אָפּגעבן כבוד און אַרויסווייזן פאַרערונג מצד די מאַסן פון בית ישראל פאַרן וועגווייזער. נישט קיין הספדים זענען געזאָגט געוואָרן ביים קבר — די פאָרשטייער פונעם אַרבעטער־לאַגער און פון דער מדינה האָבן אָפּגעגעבן כבוד און אַרויסגעהויבן דאָס לעבנס־ווערק פונעם פאָלטאַווער גאון.

דאָס אַראָפּברענגען זיינע שטערבלעכע רעשטן איז געווען אַ היסטאָרישע געלעגנהייט אַרויסצוהייבן זיין לערע, וואָס די פּרינציפּן אירע זענען דער פונדאַמענט פאַרן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַשאַף פונעם אַרבעטנדיקן יידישן פאָלק אין זיין זעלבשטענדיק פאָטערלאַנד.

ווייל דווקא איצט, מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה ישראל, איז באָראָכאָוו אויפסניי אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיין גאַנצער גרויס.

דאָס אַריבערפירן באָראָכאָווס קבר פון קיעוו קיין כנרת איז אַ סימבאָל פאַר דער באַוועגונג און פאַר זיינע חברים־תלמידים — בראש פון וועלכע ס'איז געווען דער פאָרשטאָרבענער פּרעזידענט פון דער מדינה ישראל, יצחק בן־צבי, — וואָס האָבן באַוויזן צו ברענגען צו אַ מאַסן־

עלייה פאַרן אויספאַרמירן דאָס נייע פּנים פונעם יידישן מענטשן, וועל־כער קעמפט אומעטום פאַר זיינע רעכט און שטרעבט צום פאַרווירקלעכן אין אונדזערע טעג די וויזיע פון דורות — דאָס שאַפן פון מדינת ישראל.

באַראָכאָווס קבר אויף די ברעגן פון כנרת וועט דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ס׳בלייבן נישט פאַריתומט אין דער פרעמד די שטערבלעכע רעשטן פון דעם, וואָס האָט צעפּענטעט די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס; איצט וועלן זיינע שטערבלעכע רעשטן רוען אין דער ערד פונעם פאָטערלאַנד, צווישן אַן אַרבעטנדיק, קעמפנדיק און שאַפנדיק פאָלק, כדי עס צו סטימולירן צום המשך פון גורלדיקן געראַנגל, ביז דער פולער גאולה, דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער.

25 מאַי 1963.

און אָט שטיי איך ווידער ביי באַראָכאָווס קבר, דאָס מאָל — אין כנרת. אין רי ראַמען פון די „אהלו״־סעמינאַרן קומט דאָ פאַר אַ צוזאַ־מענקום פון אַרבעטער, אָפּשטאַמיקע פון תימן און אויף מיר איז אַרויפ־געלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַקענען זיי מיט באַראָכאָווס לערע. מיר זענען אַרויף אויפן בית־עולם, געשטעלט זיך ביי אַ בערגל שטיינער, אונטער וועלכע עס רוט דאָס אַש פונעם לערער, אין שכינות מיט די קברים פון משה העס און נחמן סירקין.

דאָס איז דער ערשטער צוזאַמענקום צו לערנען באַראָכאָווס לערע ביי זיין קבר.

נאָך דעם צוזאַמענקום וועלן קומען אַנדערע. ניין, דאָ וועט באַראָ־כאָוו נישט זיין פאַריתומט. דאָ, אין פאָטערלאַנד, וועט אויפגעלעבט ווערן זיין גייסט און זיין נשמה וועט זיין צוזאַמענגעבונדן אינעם בונד פון ל ע ב ן.

פון זיין ביאגראפיע
און פון זיינע ווערק

דער לעבנס־וועג פון בער באָראָכאָוו

בער באַראָכאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 21־טן יוני 1881 אינעם אוקראַיִנישן שטעטל זאָלאָטאָנאָשאַ, פּאָלטאַווער גובערניע. אַ קורצע צייט נאָך זיין געבוירן ווערן, זענען זיינע עלטערן אַריבער וווינען קיין פּאָלטאַווע. זיין דערציִונג האָט ער באַקומען אין אַ פּריוואַטער יידיש־רוסישער שול. זיין פאָטער, ר׳ משה אהרן, אַ משכיל און חובב־ציון, לויטן פאַך — אַ העברעישער לערער — האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיין זון זאָל אָנקומען אין אַ מלוכהשער גימנאַזיע. אין יאָר 1900 האָט באָראָכאָוו באַקומען די מאַטורע, וואָס איז דאַן געווען דער חלום פון אַ סך יידישע משפחות, ווייל זי האָט געעפנט די טויערן פון אוניווערסיטעט און פון דאָרט איז שוין געווען אַ גלייכער וועג צו דער קאַריערע פון אַ דאָקטאָר, אַדוואָקאַט א.אַ.וו.

געווען זענען עס צייטן, וואָס זענען אָנגעזאַפּט געווען מיט רעוואָלוציאָנערער שפּאַנונג. די רעוואָלוציע האָט זיך דערנענטערט און אירע אָפּקלאַנגען זענען דערגאַנגען צו דער רויִקער פּאָלטאַווע. די דאָזיקע שטאָט איז נישט געווען איינגעשלאָסן אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג ,וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט און ס׳איז נישט געווען קאָנצענטרירט אין פּאָלטאַווע קיין אַרבעטערשאַפט. טאַקע דערפאַר האָט די פּאָליציי באַשטימט פּאָלטאַווע אַלס פאַרשיקונג־אָרט פאַר רעוואָלוציאָנערן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך אין פּאָלטאַווע קאָנצענטרירט די פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער און ראַדיקאַלער רוסישער אינטעליגענץ: דער שרייבער קאָראָלענקאָ, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער פרייהייט־באַוועגונג; ד״ר וואָלקענ־

שטיין, פון די פירנדיקע נאַראָדאָוואָלצעס; מאַרטאָוו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פון די פירער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אַ סך אַנדערע. זיי האָבן אַריינגעברענגט אינעם לעבן פון דער שטאָט אַ קולטור־אַטמאָספער און האָבן אַריינגעשלעפּט די בעסטע יוגנט אין אַ וועלט פון פּאָליטישע און פילאָזאָפישע וויכוחים.

באָראָכאָוו האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט הערן. ער האָט אויך אַ סך געליינט. פילאָזאָפיע, עטיק, פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע — אויף די אַלע געביטן האָט ער זיך דערוואָרבן. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן טיפע ידיעות, זייענדיק נאָך אַ שילער אין דער גימנאַזיע. ער האָט אין קרייז פון זיינע חברים געליינט לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע, עטיק און די שטרעמונגען אין דער נייער ליטעראַ־טור. אין לעצטן יאָר פון דער גימנאַזיע האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַ־טייליקן אינעם אָרטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרייז.

ענדיקנדיק די גימנאַזיע איז ער אַריבער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, זייענדיק טעטיק אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרייז. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער באַציונג פון דער באַוועגונג צו דער יידן־פראַגע, וואָס איז געווען אַ מין פּרווו פון אויסמיידן דעם ענין. און כאָטש באָ־ראָכאָווס יידישע דערציונג איז געווען אַ קנאַפּע, איז ער דאָך געווען באַאיינפלוסט פון „חיבת ציון" און האָט נישט געקאָנט משלים זיין מיט אַזאַ באַציונג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער יידן־פראַגע.

אין אָנהייב פון זיינע שריט אויף דער געזעלשאַפטלעכער טריבונע, האָט זיך באָראָכאָוו אָנגעשטויסן אויף אַ וויכוח, וואָס האָט דאַן אויפ־געשטורעמט די יידישע גאַס: צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1897, מיטן „יידישער אַרבעטער בונד" (וואָס איז באַקאַנט אונטערן קיצור „בונד"), וואָס איז אויך געשאַפן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר און איז אין משך פון געציילטע יאָרן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָציאַליסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע און האָט

פאַרלאַנגט פאַר זיך דאָס רעכט צו זיין דער איינציקער פאָרשטייער פונעם יידישן אַרבעטער־לאַגער.

באָראָכאָוו האָט זיך אין יעקאַטערינאָסלאַוו צונויפגעטראָפן מיט אַ דאָרטיקן קרייז פון ציוניסטישע אַרבעטער. ווען ס'איז געשטיגן די פּאָגראָם־אַגיטאַציע, האָט דער קרייז געגעבן די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ זעלבשוץ, וואָס איז אין יאָר 1903 אַנטשטאַנען אין דער שטאָט מיט דער באַטייליקונג פון באָראָכאָוון. יענעם יאָר האָט זיך אויך באָראָכאָוו צוריקגעקערט קיין פּאָלטאַווע. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן זיין אַרטיקל „צו די פראַגן פון ציוניסטישער טעאָריע". די גרונט־טעזע פון דעם אַרטיקל איז: „מיר טאָרן נישט וואַרטן". ס'דערנעענטערט זיך דער סוף פון גלות. די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם דערפירט דערצו, אַז נאָך אַ ביסל און די יידן וועלן ווערן אינגאַנצן איבעריק. „די געזעצמעסיקייט פון אונדזער גורל איז אונדז מחייב צו מעשים, וואָס וועלן פאַרגיכערן די גסיסה פון גלות".

אין צווישן צייט איז אויסגעבראָכן דער אוגאַנדאַ־קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. באָראָכאָוו האָט זיך אַריינגעלאָזט אין קאַמף קעגן דעם אַבסטראַקטן טעריטאָריאַליזם און פאַר דער איינציקער קאָנקרעטער טעריטאָריע, וואָס איז דאָס „אויסדערוויילטע לאַנד" אין דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס לאַנד „פון פרייעם אויסוואַל" היינט, „וואָס מיר וועלן בהדרגהדיק באַהערשן מיטן כוח פונעם היסטאָרישן אימפּע־ראַטיוו". אין נאָמען פון די „ציוני ציון" פאָרט ער אַרום איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, ליטע און פּוילן. דער תמצית פון זיין לערע איז קאָנצענטרירט אין זיין גרויסן עסיי „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע", וואָס איז אין יאָר 1905 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין המשכים אין רוסישן־ציוניסטישן חודש־זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן", וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם מחבר אין דער ערשטער ריי פון דער ציוניסטישער פּובליציסטיק אין רוסלאַנד.

באָראָכאָוו איז אַרויסגעפאָרן צו געווינען הערצער פאַר די „ציוני־

ציון״ און אין דער רייזע איז ער געווינען געוואָרן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

סוף 1905, ווען באַראַכאָוון איז קלאָר געוואָרן די קלאַסן־זייט פון נאַציאָנאַלן אויפטו, איז ער צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג „פּועלי־ציון״, צו וועלכער ס׳האָט שוין דאַן געהערט זיין חבר און יוגנט־פריינד יצחק בן־צבי, דער צווייטער פּרעזידענט פון דער מדינה ישראל. אויף קאָנפערענצן און צוזאַמענקומען איז באַראַכאָוו משלים די פאָרמולירונג פון די עיקר־פונקטן פון זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער לערע.

צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער פּאָליציי איז באַראַכאָוו געצווונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און ער הויבט אָן צו טראָגן זיין לערע אין דער יידישער צעשפּרייטקייט: גאַליציע, עסטרייך, בעלגיע, אַמע־ריקע. אומאָפּהענגיק פון דער פאַרצווייגטער פּאַרטיי־אַרבעט, פאַרנעמט זיך אויך באַראַכאָוו מיט דער מאָדערנער יידישער וויסנשאַפט: יידישע פילאָלאָגיע, געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, יידישע עקאָנאָמיק, יידישער סאָציאַליזם. פּורים 1906 איז זיך צונויפגעקומען די פּאָלטאַ־ווער קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס׳איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַ־מענט פאַר דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי ציון״. זייט דאַן הייבן זיך אָן באַראַכאָווס וואַנדערונגען איבער יידישע ישובים.

ביים סוף פון דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ איז די פּאָליציי געפאַלן אויף אירע שפּורן און אייניקע חברים זענען אַרעסטירט געוואָרן. באַ־ראָכאָוו און די איבעריקע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זענען אויסגעווײלט געוואָרן, זענען אַוועק קיין סימפעראָפּאָל אין קרים, ווו דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט.

אַז באַראַכאָוו איז צוריקגעקומען קיין פּאָלטאַווע איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווען די פּאָליציי האָט אַנטדעקט דעם געווער־אַרסענאַל פון דער פּועלי־ציון־זעלבשוץ. 5 חדשים איז ער אָפּגעזעסן אין תפיסה. ווען ס׳איז די חברים געלונגען אַרויסצובאַקומען אים אויף קויציע, איז ער אַרי־

בערגעוואָרפֿן געוואָרן קיין אויסלאַנד. גאַליציע, ווין, בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ, אַמעריקע — דאָס זענען די עטאַפּן פֿון זיינע וואַנדערונגען. אין יאָר 1909 האָט ער זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נאָר ס׳איז גאָרנישט געוואָרן דערפֿון.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע אין יאָר 1917 האָבן זיינע רוסישע חברים פֿאַרלאַנגט ער זאָל זיך צוריקקערן צו זיי. אין רוסלאַנד האָט ער זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ און האָט דאָרט רעפּערירט וועגן דער נויטווענדיקייט פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג — אין ליכט פֿון די ענדערונגען אויף דער וועלט און די מעגלעכקייטן פֿון ציוניסטישער רעאַליזירונג — צוצוטרעטן פֿליייסיק צו אויפֿבוי און שאַפֿערישער אַרבעט, וואָס פּאַסן זיך פֿאַרן אַרבעטער אַלס פּיאָנער פֿון פֿאָלק. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַל־רוסישער קאָנפֿערענץ פֿון די נאַציאָנאַליטעטן, איז געווען פֿון אירע צענטראַלע רעפּערענטן און דער רעדאַקטאָר פֿון ערשטן נומער פֿונעם נאַציאָנאַליטעטן־אָרגאַן.

סוף 1917 איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין קיעוו דעם 17־טן דעצעמבער.

פון זיינע ווערק

א פאָלק אָן באָדן

א פאָלק אָן באָדן, וואָס איז באַרויבט פון אייגענע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, פון אַן אייגענער עקאָנאָמישער באַזע; וואָס איז אַריינגעפּרעסט צווישן פּרעמדע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, שוין אויספּאָרמירטע — ווערט נאַטירלעכערהייט אַ ספּעציפישער און פּאַראייינזאַמטער קיבוץ, וועלכן ס'וועט נישט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו דערנענטערן צו דער גרונטיקער באַפעלקערונג. אויף דעם פאָלק וועט פון אומעטום לויערן די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ און זייענדיק נישט צוגעגרייט צום געראַנגל, הילפלאָז, אָן אַן עקאָנאָמישער באַזע, אויף וועלכער עס זאָל זיך קאָנען שטיצן, איז דאָס פאָלק אויסגעשטעלט אויף פאַרשטאַרקטער עקספּלאָטאַציע. די פאַרפּוילטע קאָנקורענץ דרינגט אַריין אומעטום — סיי צווישן די קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען גרייט לעבעדיקערהייט איינצושלינגען איינער דעם צווייטן; און אַפילו צווישן די אַרבעטער, וועלכע באַמיען זיך ווי עס איז אויפצוהאַלטן, כדי נישט אויסצוגיין פון הונגער און אַרבעטלאָזיקייט. די פאַרגרעסערונג פון דער רעזערוו־אַרמיי און פאַרשטאַרקטע קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער, טוען דאָס זייעריקע: **שטויסן אַרויס די יידישע אַרבעט פון דער גרויס־אינדוסטריע און פאַרשטופּן זיי אין די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען פון קליינער פּראָדוקציע.** (פון „די יידישע ארבעטער").

די מקורות פון שנאת ישראל

מיר זענען פּרעמדע און מיר האָבן אין ערגעץ נישט דעם סאָציאַלן כוח, וואָס זאָל אונדז פאַרוואַנדלען אין האַרן פון דער לאַגע; מיר זענען אָפּגעריסן פון דעם קאָנטאַקט מיט דער נאַטור און מיר האָבן נישט קיין אייגענע לאַנדווירטשאַפט — דאָס אַלץ מאַכט אונדז שרעקלעך אויסגעוואָרצלט; אונדזער געשיכטע ווערט נישט געשאַפן און איז קיינמאָל נישט געשאַפן געוואָרן מיט אונדזערע אייגענע כוחות — פון תמיד אָן איז אונדזער גורל געווען אָפּהענגיק פון אויסערלעכע באַציונגען; און צי קאָן דער פּראָגרעס אין גלות

אויסלייזן אונדז פון דער נישט זיכערער לאַגע פון הענגענדיקע אין דער לופטן? כל זמן די שנאת ישראל, די פיינטשאַפט צו אונדז, ווייל מיר זענען פרעמדע, — כל זמן זי וועט עקזיסטירן, וועט דער פּראָגרעס אונדז בלויז פאַר־וואַנדלען אין מער פילבאַרע, מער אויסגעשטעלטע געטראָפן צו ווערן, אָבער פון סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט וועט זיך אונדזער לאַגע פאַרערגערן ביז נישט אַריבערצוטראָגן. די שנאת ישראל וועט נישט אויפהערן, סיידן ביי אַ דעצידירנ־דיקער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש, אָדער דורך בהדרגהדיקער אַטראָפיע. אַ סך אָפּטימיסטן גלויבן, אַז דער מקור פון שנאת ישראל איז אין די ווירטשאַפטלעכע כוחות פון אונדזער צייט און ווען ס'וועט פאָרקומען אַ גרינטלעכע רעפאָרם פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וועט אויך פאַר־שווינדן די שנאת ישראל אַלס באַשאַף פון דער דאָזיקער אָרדנונג.

ווען מיר וואָלטן אַביסל אָפּגעטראָטן אין אַ זייט און געוואָנדן זיך צו די גרונט־פּרינציפּן פון דער גאַנצער ציוניסטישער טעאָריע, וואָלט מעגלעך געווען צו באַווייזן, ראשית: אַז שנאת ישראל — איז נישט קיין ווירטשאַפטלעכע דערשיינונג, נייערט זי וואָרצלט אין דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט איר מקור אין געוויסע כוחות, וועלכע ווירקן ווי אַ נויטווענדיקייט אין יעדער געזעלשאַפט; צווייטנס: אַז יידן ווערן נישט ספּעציעל עקספּלאָאַטירט און נישט צוליב זייער כלומרשטער עקספּלאָאַטאַציע דערוועקן זיי צו זיך די שנאה און אפילו אין דער קאָנקורענץ איז נישטאָ קיין שום אויסטייטשונג פאַרן אַנטי־סעמיטיזם, וועלכער אַנטפּלעקט זיך נישט זעלטן אין די אַכזריותדיקע פאָרמען צווישן יענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וואָס זייער לאַגע שטויסט זיי נישט צו קיין קאָנקורענץ מיט יידן ווי אַ שטייגער: פּויערים, אַרבעטער און באַאַמטע; אויך די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ דינט נישט דאָ פאַר קיין שום אויסטייטשונג, ווייל די יידן האָבן נישט קיין באַדן פאַר אַזאַ קאָנקורענץ; דריטנס: די דעצידירנ־דיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג זענען דירעקט נוגע בלויז די יורידישע אינסטיטוציעס, נישט די מענטשלעכע געפילן, צו וועלכע ס'געהערט אויך שנאת ישראל. די געפילן, וואָס וועלן פאַרלירן נאָך דער רעוואָלוציע די יורידישע פאָרמען, אין וועלכע זיי זענען פריער געקומען צום אויסדרוק, וועלן זיך שאַפן נייע פאָרמען, כדי צו געפינען זייער באַפרידיקונג; פערטנס: יענע סאָציאַלע איבערקערעניש, אויף וועלכער ס'האָפן אַזוי די אָפּטימיסטן, וועט זיך גאָרנישט אַזוי איילן צו קומען, אַפילו ווען זי וועט שוין קומען. און צום סוף: שנאת ישראל, ווי אַ געפיל וואָס איז פון גאָרנישט אָפּהענגיק, ווי סתם

אַ וויזיע, ד.ה. — אַ וויזיע וואָס האָט זיך שוין לאַנג באַפרייט פון אַלע מינים תירוצים און מאָטיווירונגען; אַ שנאה, וואָס איז באַקאַנט אַלס אַזאַ אָן אַ שום פּאַרוואָס, צום זשיד, ווייל ער איז אַ זשיד, וועט קאָנען פאַרשווינדן נאָר אין גאַנג פון אַ פּראָצעס פון רואיקער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אַ לאַנגדויערנדיקער און זי וועט אויסגיין די שנאה פון מאַנגל אין יניקה, ווייל אירע תירוצים וועלן אַלץ ווייניקער געפינען ווערן מיטן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט.

היוצא מדברינו — מיר וועלן דאַרפן וואַרטן אַ לאַנגע צייט אויף דער ישועה, אַזאַ לאַנגע צייט, אַז מען וועט דורך דער צייט קאָנען אויסבויען אייניקע יידישע מדינות... און ביז ס'וועט קומען די נחמה, וועט אַרויס די נשמה. אמת, נאָך אַביסל וועלן מיר אײנגאַנצן זיין איבעריק און ס'וועט אויס־פעלן דער זאַפּאַס, פון וועלכן מיר שפייזן זיך דערווייל. פון דער צווייטער זייט איז עס נישט קיין סוד, אַז אין די לענדער, וווּ מען לאָזט אונדז נאָך אימיגרירן — אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד — זענען מיר שוין געוואָרן שטאַרק אָנזעעוודיק. דאָ און דאָרט דערוועקט מען קעגן אונדז די ברענענדיקסטע שנאת ישראל און אונדזער אָרעמקייט האָט שוין אַזוי איבערגעפולט דאָרט די געטאָס, אַז מען מוז שוין איבערלאָזן דער שפּיל פון גורל די וועלכע קומען איצט. מען מאַכט שוין באַגרענעצונגען פאַרן אַריינקום אין די דאָזיקע לענדער און זיי קאָנען נאָך בקרוב אינגאַנצן פאַרשלאָסן ווערן פאַר אונדז. דאָס שטרעבן צו עמיגראַציע איז ביי אונדז אַנטשטאַנען אונטערן שווערן דרוק פון דער שטיקנדיקער אַטמאָספער אין תחום המושב. און נייע וועגן, צו לענקען אַהין די עמיגראַציע־שטראָמען, ווערן נישט דערעפנט; און ווער וועט עס וועלן אַריינעמען פרעמדע מענטשן, פּאַופּעריזירטע, היימלאָזע, וואָס זענען נאָך דערצו נישט פעיק צו פּראָדוקטיווער אַרבעט?

(צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע)

צווישן יחיד און פאָלק

נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, וואָס זיינע קינדער, אינדיווידועל, זענען אַזוי פעיק, פלינק, פלייסיק, עלאַסטיש און פיל־פנימדיק אין זייער אינדיווידועלן עקזיסטענץ־קאַמף. און נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, וואָס זאָל זיין אַזוי שוואַך און הילפלאָז, אַזוי דערנידעריקט און נישט ווידערשטאַנדפעיק אין זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפעסטיקונג. אַן אומפּאַרגעסלעכער אינדיווידועלער כוח און

בײשפּיללאָזע שװאַכקײט פֿון גאַנצן כּלל — דאָס איז אײנע פֿון די סתירות בײם ײדישן פֿאָלק אין גלות. צי איז דען פֿאַראַן אַ שיעור פֿאַר דער מאַסע פֿלײס װאָס איז פֿאַרבאָרגן אין די גערדיכטעניש פֿון דער ײדישער באַפֿעלקערונג? אָבער דאָס איז אַ פֿלײס פֿון אינדיװידועלע פֿעיִקײטן, פֿון פֿאַרײנצלטע אָנשטרענ־גונגען, װאָס אונדזער פֿאָלק קאָן זײ נישט פֿאַרװאַנדלען אין אַ פֿלײס פֿון קאָלעקטיװער טאַט. און אָט אויף דער זײט פֿון דעם פּרט, װעלכער איז אומ־באַװוּסטזיניק דורכגעדרונגען מיט קאַריעריסטישע שטרעבונגען; װעלכער װערט געלאָקערט צום אַרויסהײבן זיך אַפֿילו פֿאַרן פּרײז פֿון אָפּרײסן זיך פֿונעם שלים־מזלדיקן, אָרעמען און אויסגעװאָרצלטן כּלל — אויף דער זײט פֿון דעם פּרט שטײט די אַסימילאַציע־אָנשװינג אין אַלע אירע אַנטפֿלעקונגען. אַװדאי, איז אויך דאָס קלאָר, אַז דער ײדישער קיבוץ, אַלס כּלל — װאָס איז איבער־געלאָזט דורכן פּרט, װעלכער איז דערפֿאָלגרײך און שטײגט אַרויף אויף דעם הפֿקר פֿון גורל — דער כּלל נײטיקט זיך אין אחדות און אויפֿהײבן דעם קאָפּ. אויף דער זײט פֿון דעם קיבוץ שטײט די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע אין אַלע אירע שאַטירונגען. דאָ, אין דער שטומער שׂנאה צװישן דעם דערפֿאָלגרײכן פּרט און דעם פֿאָלק, װאָס איז אָרעם אין מעשׂים, דאַרף מען זוכן די „מאַטעריעלע" אַנטאַגאָניזמען פֿון אינטערעסן, װאָס דערפֿירן צום צוזאַמענשטויס פֿון אידעאָלאָגיעס בײם ײדנטום.

(דאָס צוזאַמענבינדן זיך פֿון די שׂונאי־ציון)

די ספּעציפֿישקײט פֿון דער ײדישער עקאָנאָמיק

װאָס איז, אײגנטלעך די ספּעציפֿישקײט פֿון דער ײדישער עקאָנאָמיק? כּדי דאָס צו פֿאָרמולירן דאַרף מען זיך װענדן צו דער אַלטער „פּועלי־ציון"־ליטעראַטור אין רוסלאַנד פֿון מיט איבער צען יאָר צוריק, אָדער נאָך בעסער, גײן װײטער און װענדן זיך צום גרעסטן גײסט פֿון אַנטיקן גריכלאַנד — צו אַריסטאָ. ער איז נישט בלויז געװען אַ געניאַלער פֿילאָזאָף, נאָר אויך אַ גרויסער מלוכה־מאַן און טיפֿער עקאָנאָמיסט. נישט בחינם ציטירט אים קאַרל מאַרקס מיט אַזאַ יראת־הכּבוד. װיל איך טאַקע דאָ ברענגען אײן געדאַנק פֿון אַריסטאָ, װאָס איז לגמרי פֿאַרגעסן און פֿאַרנאַכלעסיקט געװאָרן פֿון די מאַרקסיסטן, דאָס איז זײן טעאָריע װעגן צװײ מינים פּרנסות: דאָס מפֿרנס זײן זיך פֿון דער נאַטור און דאָס מפֿרנס זײן זיך פֿונעם מענטשן. דער ערד־אַרבעטער, דער קױלן־גרעבער, דער פֿישער — זײ שעפּן זײער אויסהאַלטונג

פון דער נאַטור; דער סוחר, באַנקירן, דער דאָקטאָר, אַדוואָקאַט — זיי לעבן פונעם מענטשן.

צו וועלכן מין געהערן די יידישע פרנסות? לויט אַריסטאָס פאָרמולירונג דרינגט אַרויס דער ענטפער אַליין פון זיך: נישט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען זיך מפרנס בעיקר פון דער נאַטור, לעבן די יידן בלויז פון פרנסות, וואָס קומען פון מענטשן.

...דער חלק פונעם באָדן, פון דער נאַטור, אין דער יידישער פּראָדוקציע איז דאָך אַ מינימאַלער, דאַקעגן דער חלק פון מענטשלעכער אַרבעט איז אומ־פאַרגלייכלעך גרעסער. נישט אַזוי ווי ביי די אומות העולם, וואָס דער באָדן האָט ביי זיי אַ גרויסן אָנטייל אין דער פּראָדוקציע.

נישט בחינם ווערט געזאָגט, אַז די יידישע עקאָנאָמיק איז אַ „לופט־עקאָנאָ־מיק" און דאָס יידישע לעבן איז אַ „לופט־לעבן". מאַקס נאָרדוי האָט עס נאָך מער פאַרשאַרפט — ער האָט געשאַפן אין דער ליטעראַטור דעם באַגריף „לופט־מענטשן". דער זין פון דעם דאָזיקן באַגריף איז, אַז די יידישע אַרבעט איז אָפּגעריסן פונעם באָדן, פון דער נאַטור. אויך די אַרומיקע פעלקער שפּייזן זיך נישט בלויז פון דער נאַטור. זייער פּראָדוקציע באַשטייט פון צוויי עלעמענטן — באָדן און אַרבעט. און וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די אינדוסטריע, אַלץ מער וואַקסט דער חלק פון אַרבעט און פּראָפּאָרציאָנעל ווערט פאַרקלענערט דער חלק פון „באָדן". אָבער דער פונדאַמענט פון „באָדן" בלייבט אַלץ אין דער עקאָנאָמיק פון פעלקער אַלס פונדאַמענט, אין דער צייט ווען ביים יידישן פאָלק איז אַזאַ פונדאַמענט בכלל נישט בנמצא און די יידישע פּראָדוקציע שטיצט זיך בלויז אויפן פונדאַמענט פון „אַרבעט".

און אַרבעט גופא באַשטייט פון צוויי מינים: האַנט־אַרבעט, אָדער ריכ־טיקער — „פיזישע" אַרבעט; מוח־אַרבעט, אָדער ריכטיקער — „גייסטיקע" אַרבעט. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז צווישן די יידישע פרנסה־צווייגן פאַרנעמט די גייסטיקע אַרבעט אַ סך אַ גרעסער אָרט, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. אמת, אויך ביי די אומות העולם פאַרגרעסערט זיך דער אָנטייל פון גייסטיקער אַרבעט מיטן וווקס פון דער קולטור. אָבער קיינמאָל דערגייט עס נישט ביי זיי צו אַזאַ גרויסן פּראָצענט, ווי ביי יידן.

דער קאַפּיטאַליסט אינוועסטירט אין זיין פאַבריק בעיקר „גייסטיקע" אַרבעט. ער אָרגאַניזירט די אונטערנעמונג, פירט זי אָן. דער לוין־אַרבעטער לייגט אַריין אין דער פּראָדוקציע בעיקר זיין „פיזישע" אַרבעט. און לויט דעם,

ווי יידן זענען פון דער נאַטור מער גענייגט צו מוח־אַרבעט, דרינגט דערפון אַרויס דער גייסט פון זייער איניציאַטיוו, וואָס שטויסט דעם יידישן אַרבעטער צו ווערן דער באַלעבאָס פון אַ קליינער, זעלבשטענדיקער אונטערנעמונג. דער אינדיווידואליזם פון דער יידישער עקאָנאָמיק שעפּט זיינע זאַפטן בעיקר פון דער דאָזיקער היסטאָרישער אָפּגעריסנקייט. אַזוי זעען מיר צוויי וויכטיקע דערשיינונגען אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון יידישן פאָלק:

1. דעם גרעסערן אָנטייל פון דער אַרבעט, ווי פון באָדן;
2. דעם גרעסערן אָנטייל פון „גייסטיקער" אַרבעט, ווי פון „פיזישער".

... ס'זעט אויס, ווי די בייטש פון דער געשיכטע וואָלט די יידן אַלץ מער געשטויסן פונעם באָדן און פון דער נאַטור; געשטויסן זיי אַלץ העכער אין דער ספערע פון דער שיטערער גרזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, ווי ס'וואָלט די געשיכטע פאַרבונדן אַ אַכזריותדיקן קנופּ איבער די יידישע מאַסן צו האַלטן זיי אין די פּענטעס פון עקאָנאָמישער אויסגעוואָרצלטקייט, אַלץ מער זיי צו דערווייטערן פון דער ערד...

(די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק)

דער לאָגישער רעזולטאַט

הונדערט יאָרן האָט דאָס יידישע פאָלק געטאַפּט אין דער פינצטער און געזוכט אַ וועג זיך צוריק אומצוקערן צו דער נאַטור, צום באָדן. ענדלעך האָט געפונען זיין וועג דער ציוניזם — דאָס איז דער וועג. דער ציוניזם איז אַ לאָגישער רעזולטאַט, אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער איבער־קערעניש, וואָס קומט פאָר זייט הונדערטער יאָרן ביי די יידישע מאַסן. אונדזער פאָלק האָט נאָך אין גלות געשטרעבט מיט אַלע כוחות צו ענדערן זיין אַרבעט און פּרנסה, צו מאַכן זיי פּראָדוקטיוו און נאַטירלעך. אָבער די גלות־סביבה איז צו ענג און נישט־באַקוועם צו אַזאַ ראַדיקאַלער סטרוקטור־ענדערונג. דערפאַר איז די דאָזיקע שטרעבונג פאַרבליבן בלינד, סטיכיש, פול מיט אינערלעכע סתירות, וואַקלונגען, צרות. אָט איז דער עמיגראַנט געוואָרן אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטער און אָט ווערט ער ווידער געשלעפּט צום מסחר — די יידישע טראַדיציע זייט דורות, — צו פּעדלעריי, צו אַ לייכט לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, אַ לעבן פון עקאָנאָמישער פּוסטקייט, אַ לעבן פון עקספּלאָאַטאַציע.

דער ציוניזם דאָס איז די איינציקע באַוועגונג. וואָס איז בכוח אין דעם

אַריינצוברענגען אַ ליכט פון באַוווסטזיין, פון סיסטעם און פּלאַן. **דער ציוניזם איז אַן עקאָנאָמיש־היסטאָרישער מוז פאַרן יידישן פאָלק.**

(די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק)

נישט קיין ווייטער היסטאָרישער אידעאַל

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן מאָמענט פון אַן אומאויפהערלעכן סטיכישן פּראָצעס, וואָס הייבט אָן, אָדער וועט באַלד אָנהייבן, אַריי־בערצופירן אונדזער לעבן דאָרט, אויף דער טעריטאָריע, איז דער טעריטאָריאַ־ליזם מער נישט פאַר אונדז אַ ווייטער היסטאָרישער אידעאַל, נאָר אַ דרינגענ־דיקע טאָג־טעגלעכע נויטווענדיקייט. בכלל אָנערקענט נישט דער פּראָלעטאַר־יאַט קיין היסטאָרישע אידעאַלן, וואָס זענען נישט דירעקט פאַרבונדן מיט זיינע באַדערפענישן.

דער סאָציאַליזם דערנענטערט זיך יעדע שעה, מיט זיין יעדן נייעם שריט, צו אַ קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען.

אונדזער פּראָגנאָז איז, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג וועט געבוירן צווישן די יידישע מאַסן, די געצוווּנגענע עמיגראַנטן — די וואָס גרייטן זיך ערשט אין וועג אַריין, אַזוי ווי די, וואָס האָבן זיך שוין געריררט פון אָרט — די דרינגענ־דיקע באַדערפעניש צו באַקומען אַ פרייען אַריינגאַנג קיין ארץ־ישראל און שפּעטער: איינפירן אַ דעמאָקראַטיזאַציע אין דעם לעבן פון לאַנד. לגבי דעם יידישן פּראָלעטאַריער, וועלכער פילט מיט יעדן טאָג אַלץ מער די פעלערהאַפ־טיקייט פון זיין סטראַטעגישער באַזע און די נויטווענדיקייט צו בייטן זיין וווין־אָרט — וועלן די לעבנס־שוועריקייטן אין ארץ־ישראל נישט זיין קיין אַבסטראַקטער ענין, נייערט אַ פּראַקטישע, ברענענדיקע פראַגע. די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע לעבעדיקע פאַראינטערעסירונג וועט אַלץ בולטער ווערן מיטן וווּקס פון די שטערונגען און אָפּהאַלטן, וועלכע יידן וועלן אָנטרעפן בעת דער עמיגראַציע אין זייערע פריערדיקע איינוואַנדערונג־לענדער. מיר חזרן איבער: פאַר אונדז איז דער ציוניזם נישט בלויז אַ היסטאָרישער אידעאַל, נייערט אויך אַ טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש פון די ברייטע יידישע מאַסן.

(„אונדזער פּלאַטפאָרם")

נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג און קעגנזייטיקע הילף

יאָ, אַסמילאַציע קאָן ווערן אַ ראַדיקאַל הייל־מיטל, גראָד ווי דער טויט, אָדער זעלבסטמאָרד זענען די ראַדיקאַלסטע רפואות ביי פאַרשידענע מינים קראַנקייטן. ווען ס'וואָלטן בכלל נישט עקזיסטירט קיין יידן וואָלט מען פטור געוואָרן פון יידישע ליידן, פון דער יידישער טראַגעדיע און דער דער גרענעצלאָזער נויט. דאָך האָט זיך נאָך נישט געפונען אַ דאָקטאָר אויף גאָר דער וועלט, וואָס זאָל היילן קראַנקע, דורך פאַרסמען זיי אויף טויט. און מיר האָבן נאָך נישט געזען אַן אָרנטלעכן פּאָליטיקער און אידעאַליסט אין גאָר דער וועלט, וואָס זאָל פּרוּוון צו לעזן, לאָמיר זאָגן, די פּוילישע פראַגע דורך אומברענגען די פּאָליאַקן. און וואָס וואָלטן געזאָגט די בעלגיער, ווען ס'קומט אימיצער צו זיי און ברענגט זיי אַ גוטע עצה אין זייער איצטיקער נויט (די שורות זענען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין בעלגיע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, — דער צונויפשטעלער) — צונויפצומישן זיך מיט די דייטשן און אויפהערן צו זיין אַ באַזונדער פּאָלק? בלויז ביי אונדז, יידן, איז דערלויבט די חוצפּה צו קומען אומפאַרשעמט צום פּאָלק און פּרעדיקן, אַז ס'איז בעסער עס זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד. ס'וועט זיין אַ פּחיתות־הכבוד און פאַרשוועכונג פונעם ווערט פון אונדזער גרויס פּאָלק, וואָס איז אויסגעצייכנט מיט דער גבורה פון קרבנות, ווען מיר זאָלן גלויבן, אַז דאָס פּאָלק לייגט אַכט אויף די אוטאָפּיעס פון די אַסימילאַטאָרן און זייער העסלעכער אַרבעט, דאָס יידישע פּאָלק לעבט און וועט נאָך לעבן און אויפלעבן. נישט וויכטיק צי מיר וועלן זיין באַליבט, אָדער געהאַסט ביי אַנדערע פעלקער. דער שמד וועט אונדז נישט פאַרניכטן, גראָד, ווי מ'האָט אונדז נישט געקאָנט פאַרניכטן מיט גזרות און נישט דורך אַסימילאַציע.

אפשר וואָלט נאָך געהאַט אַ זין זיך צו אַמפּערן וועגן דער פראַגע פון אַסימילאַציע, ווען עס זאָל עקזיסטירן אַ מעגלעכקייט פאַר אַסימילציע. דער אמת איז אָבער, אַז אַסימילאַציע איז נישט מער ווי אַ שעדלעכע אילוזיע. די ברייטע יידישע מאַסן אַסימילירן זיך בלויז ביז אַ געוויסער גרענעץ — נאָר כדי זיך צוצופּאַסן צו די אויסערלעכע אייגנשאַפטן פון זייערע שכנים: אין קליידונג, שפּראַך, עסן און אייניקע אַנדערע מידות. אָבער אין גייסט בלייבן זיי פרעמד דער אַנדערער קולטור. אויך די, וואָס האָבן זיך אַסימילירט ביזן סוף, ווערן נישט צונויפגעמישט מיט זייערע שכנים. זיי פירן אַ באַזונדער יידיש לעבן און בלייבן אָפּגעטיילט. און ס'איז אוממעגלעך אַנדערש. כל זמן ס'וועלן עקזיסטירן

אויף דער וועלט פעלקער, וועט אויך עקזיסטירן דאָס יידישע פאָלק. אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און גרויס־בורזשואַזיע מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו פאַרלירן זייער יידישע וועלט. אָבער די יידישע מאַסן, דער יידישער אַרבעטער־קלאַס און די מאַסן אַרום זיי ווילן נישט און וועלן נישט דערלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך צונויפמישן צווישן די פעלקער און איינגעשלונגען ווערן אין זייער קולטור.